דאס יודישע ווארט

DAS JÜDISCHE WORT.

ציימשריפט פיר ליטעראטור, וויססענשאפט, קריטיק און געזעללשאפטליכען לעבען.

ערשיינט וואכענטליך אין קראקוי. — הערויסגעבער: אברהם רייזען.

קראקוי, י״ח שבט תרס״ה. — ערשטער יאהרגאנג. — Krakau, 24 Januar 1905.

נומר 4.

אינהאלט:

פערלאג פאלקסביבליאטעק

זאַעבען איז ערשיענען ד״ר בנימין טעאדאר הערצל ז״ל

זיין לעבען און זיינע מעשים פאר'ן יודישען פאלק. פון אליהו בן ברכאל.

פרייז 40 העללער.

יודישע מאטיוען אויסגעוועהלטע געדיכטע פון אברהם רייזען.

פרייז 40 העללער.

צו בעציהען :

Verlag „ZION", Samuel Inslicht Wien II Un.-Augartens. 9

אויך איז ביי אונז צו בעציהען :

געזאמעלטע געדיכטע פון מאררים ראזענפעלד,

א פראכטפאלע אילוסטרירטע אויסגאבע. דאס בוך איז אמת'ע פערל אין אונזער מאמע־לשון. דאס ווערק איז מיט הקדמה און פאטאגראפיע פון ראזענפעלד. פרייז געבונדען — 6 ק'.

י. ל. פרץ געזאמעלטע שריפטען פרייז — 6 ק'.

אברהם רייזען'ס שריפטען :

ציישליעדער	40— ה'.
בילדער און ערצעהלונגען	60— ה'.
די יודישע גאס	20— ה'.
צוואנציגסטער יאהרהונדערט	— 1 ק'.
יאהרבוך פראגרעס	— 2 ק'.
ליעדער פון לעבען	1 35 ק'.

קולטור געשיכטע פון פיליפ קראנץ 4 בענדער 1000 זייטען שיין געבונדען, פרייז יעדער באנד — 4 ק'.

די געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן פרייז — 4 ק'.

יציאת מצרים פון פיליפ קראנץ. פרייז 90— ה'.

גאט מענש און טייפעל דראמא אין 4 אקטען פון י. גארדאן 1 50 ק'.

מ. פרומקין : ר' ישראל בעל שם טוב. פרייז 60— ה'.

ב. פייגענבוים : רמב"ם זיין ביאגראפיע. פרייז 10— ה'.

קאטאלאג

פון דעם

פערלאג „פראגרעס", ווארשא.

1) ב. פייגענבוים. „שטיינער וואס פאלען פון הימעל". אפאפולערע ערקלעהרונג וועגען מעטעאריטען, שטערנ־שנופען און קאמעטען . . . . 10 ק'.
2) ס. שטרייסלער. „קולטור־נעשיכטע". פאפולער באר־בייט דורך א. ברעסלער . . . . 25 .
3) וו. קאראלענקא. „דער בלינדער מוזיקאנט" . . . 35 .
4) ב. פייגענבוים. „דארוויניזמוס". אדער דארווין האט גענראפען . . . . 10 .
5) ל. טאלסטאוי. „וועמענס גליובען איז בעסער? איבער־זעצט פון ה. וויכנין . . . . 5 .
6) אברהם רייזען. „צייט־ליעדער". (מיט אפאריארט) 20 .
7) וו. גארשין. „די גאפאלענע פריי". איבערזעצט פון ה. וויכנין 10
8) א. ברעסלער. „יוסף פערל". זיין ביאגראפיע. ליטעראַרישע און אלגעמיינע ארבייט . . . . 10 .
9) ש. ל. הורוויץ. „בנימין פראנקלין". זיין לעבענס בע־שרייבונג און די בעפרייאונג פון אמעריקא . . . . 20 .
10) ה. ט. באקל. „די געשיכטע פון דער ציוויליזאציאן א ענגלאנד". קורץ פאפולאריזירט דורך א. ברעסלער . . . . 20 .
11) נ. רובאקין. „ווי לעבען די חיות?" (בילדער פון טהיר לעבען) . . . . 40 .
12) קוראמשקין. „פפלאנצען־לעבען וועגען געוואקס . 30 .
13) סיפאווסקי. „סאקראטעס". דער גריכישער פילאזאף. 20 .
14) וו. לינקעוויטש. „דונער און בליץ". איבערזעצט פון א. ר. . . . . 15 .
15) א. באנדאנאוו. „עקאנאמישע לעהרע". (פאלישע עקאנאמיע) בעארבייטעט דורך א. ש. זאקס . . 25 .
16) א. רייזען. „ערצעהלונגען און בילדער" . . . . 25 .
17) מ. נארקי. „חברים און דער לעזער". איבערזעצט דורך ד״ר א. מארקאוו . . . . 15 .
18) א. יצחקי. „וואהין געהען מיר?" . . . . . 3 .
19) שלום אש. „אין א שלעכטער צייט". (בילדער און ערצעהלונגען) . . . . 30 .
20) א. באנדאנאוו. „די שקלאפעריי". (צווייטעס העפט פון די עקאנאמישע לעהרע) בעארבייטעט דורך א. ש. זאקס 15 .
21) נ. רובאקין. „די לעצטע ערפינדונגען". בעארבייטעט דורך ה. וויכנין . . . . 10 .
22) יאהר־בוך „פראגרעס". אזשורנאל פיר ליטעראטור וויסענשאפט און קריטיק ערשטער בוך. רעדאגירט דורך אברהם רייזען . . . . 75 .
23) חיה זעלדעס. „ווינטער אבענדען". פאפולער וויסענ־שאפטליכע געשפרעכען . . . . 25 .
24) קודריאווסקי. „אדם הראשונ'ס דורות". אדער די פאהר־היסטארישע צייט פון מענשען . . . . 25 .
25) א. יצחקי. „ס. סמאלענסקין". זיין ביאגראפיע. . . 20 .
26) קאראבטשעווסקי. „ערצעהלונגען וועגען ווילדע מענשען. איבערזעצט דורך א. ברעסלער . . . . 10 .
27) יאנישעווסקי. „וועגען לופט". איבערזעצט דורך ד. פולס (ד. פינמקי) . . . . 10 .
28) פאוולאוויטש. „ווי האבען מענשען געלעבט?" . . 10 .
29) א. רייזען. „ליעדער פון לעבען" . . . .

אדרעססע פון פערלאג „פראגרעס" :

Я. Лидскій, Книжный магазинъ, Варшава, Налевки 32.

די אלע וואס אבאנירען דאס „יודישע ווארט" אויף א האלב יאהר בעקומען די אלע ביכער פיר א העלפט פרייז.

1 Jahrgang. **DAS JUDISCHE WORT.** Nr. 4.

דער פרייז פיר רוסלאַנד:
גאַנץ יאֶהרליך 3.50 רובל.
האַלב יאֶהרליך 1.75 „
פיערטעל יאֶהרליך 90 קאפ׳.
מאָנאַטליך 30 „

איינצעלנע נומערן 8 קאפ. — 20 העללער.

ענדערן די אַדרעס קאָסט 20 קאפ׳

די אַדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„ПРОГРЕССЪ“
Варшава, Налевки 32.

דאס
יודישע וואָרט

צייטשריפט פיר ליטעראטור, וויססענשאפט, קריטיק און געזעללשאפטליכען לעבען. - - -

ערשיינט וואכענטליך אין קראקוי.

הערויסגעבער: אברהם רייזען.

אַבאָנאָמענטס פרייז יאֶהרליך:
אֶסטרייך־אונגאַרן —.8 קראָנען
האַלביאֶהרליך —.4 „
פירטעליאֶהרליך —.2 „
דייטשלאַנד —.8 מאַרק.
ארץ ישראל —.10 פראנק.
אַנדערע לענדער —.15 „
אַמעריקא ענגלאַנד —.10 שילינג

פרייז פון אַנאָנסען:
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

די אַדרעסע פיר עסטר.־אונגאַר און אַנדערע לענדער:
Red. und Adm. „Das Jüdische Wort“, Krakau Alte Weichselgasse 27.

Krakau, 24 Januar 1905. נומר 4. קראקוי, י״ח שבט תרס״ה.

איין ענטפער ה׳ ליודוויפאל.

ה׳ ליודוויפאל וויינט נעביך מיט ביטערע טרערען, — חאָטש ער פערזיכערט, אַז ער וויינט ניט — וואָס מ ר אברהם רייזען איז אַ־ויס געטרעטען מיט אַ פראָספעקט, אין וועלכען ער זאָגט אַרויס, אַז „זשאַרגאָן“ איז די יודישע נאַציאָנאַלע שפראַכע.

ה׳ ליודוויפאָל וואָלט זיך אפילו געוואָלט טרייסטען, אַז דאָס וואָס מען זאָגט אין אַ פראָספעקט איז לא דובים ולא יער, אָדער מיטב הפראָספעקט כזבו, וויל ער ווייס דאָך ווי אַזוי פראָספעקטען ווערען געמאַכט. איז אָבער איין אונגליק, וואָס דער פראָספעקט פון מ ר אברהם רייזען איז דער „אני מאמין“ פון דעם דאָזיגען „זשאַרגאָנישען שריפטשטעלער“, און פיר „אני מאמין׳ס“ האָט ה׳ ליודוויפאָל קענטיג מורא...

„צו דיספוטירען מיט די דאָזיגע זאַרגאָניסטען וואָס ווילען פערטיליגען די העברעאי׳שע שפראַך איז כמעט אונמעגליך“ — קלאָגט זיך ווייטער ה׳ ליודוויפאָל, ווי עס קלאָגט זיך איין געזעטצטער בעל־הבית אויף זיין צולאָזענעם יונגעל, וואָס וויל ניט לערנען חומש מיט רש״י און געהט בעסער, זומער — באָדען זיך אין טייך, שפיעלען זיך אין וואַלד, ווינטער — גליטשען זיך א. ד. ג. וואָס העלפט עס? — דאָס יונגעל איז צעלאָזען, וויל לעבען און וויל ניט פאָלגען דעם טאַטען, וואָס הייסט איהם נ י ט לעבען...

אָבער אין גאַנצען שווייגען קען ער ניט. ער מוז דאָך עפּיס פון דרכי שלום וועגען זאָגען אַביסעל מוסר, ברייגנען אַ ראיה.

און ער ברענגט זי טאַקי באַלד אויפ׳ן אָרט.

„למשל — עס איז פערהאַן א י ין טעם, נאָך מיין מיינונג, וואָס געניגט ער זאָל קענען פערשטאָפען די מיילער (?!) פון די דאָזיגע זשאַרגאָנישע פערטיידיגער. מר אברהם רייזען, זאָגט למשל, אַז דער זשאַרגאָן איז ניט נאָר די שפראַך פון אַ טהייל פון פאָלק, נאָר פון דאָס גאַנצע פאָלק.“

און אָט דא קומט טאַקי דער ה׳ ליודוויפאָל אַריין אין כעס און טענהט, מאַכענדיג מיט די הענד:

„ווי אַזוי קען מען דיספוטירען מיט מענשען, וואָס זיי לאָזען אַזוינס הערען? צו וויסען ניט די דאָזיגע געבראָטענע זשאַרגאָניסטען, אַז עס איז פערהאַן אַ בעדייטענדער (?) טהייל פון אונזער פאָלק, וואָס האָט אויך אַ זשאַרגאָן, נאָר אַזאַ זשאַרגאָן וואָס האָט גאָר ניט קיין שייכות צו אונזער זשאַרגאָן. צו וויסען זיי ניט, אַז אַזוי ווי עס איז פערהאַן אַ דייטשער זשאַרגאָן, (?) אַזוי איז פאַרהאַן אַ ספר׳דישער זשאַרגאָן? היינט ווי אַזוי — לאָזט אויס ה׳ ליודוויפאָל זיין טענה מיט אַ קול פון נצחון — קענען זיי בעשליעסען אַז דער זשאַרגאָן (אונזערער, דער דייט׳שער) איז ניט נאָר די שפראַך „פון אַטייל פון פאָלק, נאָר פון דאָס גאַנצע פאָלק?“

פיר אַ יודען, וואָס ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ שפראַך די ספרדים ריידען און איבער־הויפט, ו י י פ י ע ל יודען געפינען זיך [illegible], איז דער טעם אפשר אַ טעם.

מיר אָבער וואָס ווייסען, אַז דער ספרדישער „זשאַ־גאָן“ איז כמעט קיין זשאַרגאָן ניט, האָט נאָר אין זיך מאַנכע העברעאישע ווערטער, און ניט האָבענדיג קיין שום גייסט, קיין שום טראַדיציאָן הייסט ער דאָ־ט אפילו ניט יודיש, ווי ביי אונז אונזער שפראַך, נאָר ספאנאליש און איז כמעט ריין היספאניש; מיר אָבער וואָס ווייסען, אַז דאָס ביסעלע יודען, וואָס ריידען (און שרייבען אַביסעל אויך) דעם ספ־דישען „זשאַרגאָן“ זענען אין פערגלייך מיט די יודען וואָס ריידען אונזער „זשאַרגאָן“, ווי אַ טראָפען קעגען ים, — מ י ר קענען פערשטעהן ווי ווייט לעכערליך דער דאָזיגער טעם איז. מיר ווילען שוין ניט ריידען, אַז אייגענטליך זענען פון אונז די ספרדישע יודען זעהר דערוויטערט, האַלטען זיך פיר גרויסע יחסנים און ווילען זיך אפילו מיט אונז ניט מתחתן זיין...

ה׳ ליודוויפאָל האָט אָבער נאָך טעמים:

„אויך אונזער זשאַ־גאָן, דער דייטשער, איז ניט איינער. למשל, דער זשאַרגאָן אַליין טהיילט זיך אין פיעל זשאַרגאָנען. דער זידליכער דער וואָהלינער, דער ליטווישער און פאָלנישער“.

זעהט איהר, די טעמים האָבען שוין טאַקי גאָר קיין טעם ניט. ה׳ ליודוויפאָל ווייס גאַנץ גוט, אַז די הברה איז אַסך געווענדט אָן דעם קלימאַט און אַזעלכע טעמים האָט יעדע שפראַך ניט צו זיין קיין נאַציאָנאַלע שפראַך, דערפאַר וואָס צוליב קלימאַטישע אורזאַכען רעדט מען אויס אין פערשיעדענע געגענדען אַנדערס דאָס וואָרט. ה׳ ליודוויפאָל ווייס אָבער, אַז די שפ־אַך אין דער ליטעראַטור איז איינס און דאָס זעלבע. די יודישע ליטעראַטור איז פערשטענדליך פיר ליטווישע, פאָלנישע, זידליכע און וואָהלינער אידען, און וויעדער, די הברה פ־ן העברעאיש, די נאַציאָנאַלע שפראַך פון ליודוויפאָל — איז דען אומעדום גלייך? שפ־עכט דען ניט אויס דער ליטוואַק ברוך, דער פאָלנישער בריך א. ז. וו., דער ליט־וואַק אַתה, דער פאלנישער אַתוּ א. ז. וו.?

אָבער ליודוויפאָל, וואָס האָט אַנפאַנגס געוואָלט מיט איין טעם פערשטאָפען די מיילער, האָט קענטיג דערזעהן, אַז דער טעם וועט ניט אין שטאַנד זיין, שלעפט ער פון קעשענע נאָך פעק טעמים וואָס האָבען אָבער דעם זעלבע ווערט ווי דער ערשטער.

„ווער עס האָט געלייענט די זאַרגאָנישע צייטונגען אין אַמעריקא ווייס, אַז ממש פון טאָג צו טאָג ווערט ווייניגער די שייכות צווישען

אַמעריקאַנער זשאַרגאָן אין אונזערן. און עס איז גאָר ניטאָ קיין ספק (אַזאַ מאמין איז ה' ליודוויפּאָל), אַז עס וועט קימען דער טאָג, אַז דער אַמעריקאַנער זשאַרגאָן וועט זיין אין גאַנצען „אַמערקאַניש" א. ז. וו.

מיר לעזען אַמעריקאַנישע צייטונגען. אַזוי ווי ה' ליודוויפּאָל און געפינען ניט איין, צו מירא האָבען, אַז דער אַמעריקאַנישר „זשאַרגאָן" זאָל אין גאַנצען איין ענגלישער. ווערען. אמת. אין די טעגליכע צייטינגען, וואו עס ווערט אַרום גערעדט דאָס טעגליכע אַמעריקאַנער לעבען, געפינט מען דאָ און דאָרט איין ענגלישעס וואָרט. אבער דער בוי פונם זאַטץ, דער גייסט פון דער שפּראַך בלייבט שטענדיג יודיש. איין איינציגעס אריינגענומענעס וואָרט פון אַ פרעמדער שפּראַך קען קיינמאָל ניט פערדאַרבען אַ שפראַך. פערקעהרט דאָס מאַכט נאָך רייכער. וואָס פאַר איין געפאַהר איז פיר דער יודישער שפּראַכע, ווען מען בענוטצט דאָס ענגלישע וואָרט „ביזנעס", אָדער שאפּ און נאָך אַזעלכע איינצעלנע ענגלישע ווערטער, וואָס שפּיגלען אָב דאָס יודישע לעבען אין אַמעריקא. ?

די ריינע ליטעראַטור אָבער, די ליעדער, ראָמאַנען, דראמען, מיט וואָס די יודיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז יעצט אַזוי רייך, אַז די העברעאישע קען זיך אַ צעהנט חלק ווינשען, האָבען ניט איין ענגלישען וואָרט, סיידען ווען עס קומט פאָר אַ סצענע פון טעגליכען לעבען.

עס איז גענוג צו ברענגען אַלס בעווייז מאָריס ראָזענפעלד'ס ליעדער וועלכע ער האָט אַלע אין אַמעריקא געשריבען, און דאָך פערשטעהט מען זיי אין דער גאַנצער וועלט, וואו יודען רעדען יודיש.

לעכערליך איז דאָס, וואָס ה' ליודוויפאל בעשולדיגט נעביך די אָרימע טעריטאריאליסטען אין אונזערע בעציהונגען צו דער יודישער שפּראַך.

„עהדער עס איז געבוירען געוואָרען דער טעריטאריאליזם וואָלטען די זשאַרגאָניסטען ניט געוואַגט צו שיקען אַ האַנד, אויף די העברעאישע שפּראַך. אָבער יעטצט, אַז עס איז געבוירען געוואָרען דער טעריטאריאַליזם איז מעגליך אונזערע זשאַרגאָניסטען אויפצוהייבען דעם קאָפּ און צו פּ־עדיגען אָהן מורא און אָהן שרעק, אָהן איבריגע שעמעריי, צו בעגראָבען (?) די העברעאישע שפּ־אַך". — ה' ליודוויפאל פערגעסט, אַז זשאַ־גאָן אַלס נאַציאָנאַל שפּראַך האָבען מיר נאָך בעטראַכטעט מיט פיער יאָהר צוריק („צוואַנציגסטע יאהר הונדערט") ווען דער טעריטאָריאַליזם איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען.

אום צוזאָגען דאָס, וואָס מיר ווילען און האַלטען פיר אַנ'אֱמת, דאַ־פען מיר ניט קוקען ווי דער ווינד בלאָזט...


אין דעם קאמפף, וואָס די זשאַ־גאָניסטען נעמען פאָ־ קעגען העברעאיש זעהט דער העדר ליודוויפּאָל „אַ נייגונג צו פּע־טיליגען די נאַציאָנאַלע קנינים פון דאָס יודישע פאָלק און צו פערבייטען זיי מיט נייע קנינים. העדר ליודוויפּאָל וויל בשום אופן ניט וויסען, אַז די יודישע שפּ־אַך וואָס ער רופט זשאַ־גאָן איז אַזוי וויכטיג — און אפשר נאָך מעהר — פאַר די אַלטע קנינים. ווען אַ פאָלק זאָל זיך וועלען האַלטען מיט אַללע איהרע אַלטע קנינים וואָלט עס גערא־פט האָבען פיעל ריזיגערע כחות, אַלס דאָס יודישע פאָלק, וואָס לעבט שוין אַזוי אויך קיים אונטער דער משא פון די אַלטע קנינים און קען אַ שריט ווייטער ניט מאַכען.

אויב דעם ה. ליודוויפאל זיינען באמת טייער די קנינים פון דער יודישער נאַציאָן, קענען מיר איהם דאָך טרייסטען, אַז בעט־אַכטענדיג „זשאַר־גאָן" אַלס נאַציאָנאַלע שפראַך, מיינען מיר חלילה ניט צו פּערטיליגען אַלע נאַציאָנאַלע קנינים, נאָר פערקערט. מאַנכע לעבעדיג מאַכען. וואָס דאָס איז נאָר מעגליך אויף אַ שפּראַך, וואָס לעבט אונז האָט אַללע רעכטע צו לעבען.

און אויב דער ה' ליודוויפּאָל האָט ליעב נאָר אַלטע קנינים, האָבען מיר פיר איהם נאָך אַ נחמה, אַז „זשאַ־גאָן איז אויך שוין אַלט פיעלע הונדערטער יאָהר. האָט פיעל תפלות, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אַזיינע פּאָעטישע אין ריהרענדע, ווי „דער גאָט פון אברהם פון יצחק און יעקב" און אַנדערע, האָט פאָלקס ליעדער, וואָס לערנען דעם פאָלקס־גייסט מעהר ווי אַנדערע ספרים אין העברעאיש; האָט אַ ליטעראַטור, וואָס וועט בלייבען לעבען כל זמן אידען וועלען לעבען און מיט וועלכער מיר קענען מעהר שטאָלץ זיין, ווי מיט די אַללע לשון־קדש'דיגע ספרים, וואָס האָבען, אמת, אונז ניט געלאָזט שטאַרבען, אָבער האָבען אויך קיינמאָל אונז ניט געלאָזט לעבען...

אברהם רייזען.





די פרוי.

(אַ אינדיע לעגענדע)

פון

וו. דאראשעוויטש.

אַז דער אַלמעכטיגער מאַנאַדעוואַ האָט בעשאַפען די שיינע אינדיען איז ער אַראָבגעפלויגען פון הימעל אויף דער ערד, צו קוויקען זיך מיט איהר.

פון זיין פליה האָט זיך דורכגעטראָגען אַ וואַרמער מחיה'דיגער ווינד, די שטאָלצע פאַלמען האָבען איינגעבויגען די קעפּ פאַר מאַנאַדעוועז, און אונטער זיין בליק האָבען זיך די ריין־ווייסע, צערטליכע ליליען פערנאַנדערגעבליהט.

מאַנאַדעוואַ האָט אָבגעריסען איינע פון די ליליען און האָט זי געוואָרפען אין בלאָהען ים. און דער ווינד האָט אַוועג געטאָהן דאָס קריסטאַל וואַסער און האָט פערוויקעלט די ליליע מיט ווייסען שוים. אַ מינוט — און פון פוק שוים האָט אויפגעבליהט אַ פרוי, אַ צערטליכע און אַ מילדע, ווי די ליליע, אַ לופטיגע, ווי דער ווינד, ניט קיין שטענדיגע, ווי דעם ים, מיט שיינקייט, וואָס האָט געלויכטען ווי דער שוים פון ים און וואָס געהט אַזוי גיך איבער ווי דער דאָזינער שוים.

די פרוי האָט פריהער פאַר אַלץ זיך איינגעקוקט אין דעם קריסטאַל וואַסער און האָט אויסגערופען:

— ווי שעהן איך בין!

דערנאָך האָט זי זיך אומגעקוקט אַרום און האָט געזאָגט:

— ווי גוט איז די וועלט!

דערזעהענדיג די פרוי, האָבען זיך אויף דער ערד פערנאַנדערגעבליהט די בלומען און פון הימעל האָבען זיך אויף איהר פערקוקט מילליאַ־דען נייגעריגע אויגען, און די אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט ענטציקונג. און פון יענער צייט אָן לייכטען די שטערען. דער שטערן וועגוס האָט זיך אָנגעצונדען מיט קנאה און דעריבער לויכט ער שטאַרקער פון די אַנדערע.

די פרוי האָט געשפּאַציערט איבער שענע וועלדער און איבער שענע לאָנקעס, און אַלץ איז צו ליעב איהר שטיל געוואָרען, איבעראַשט. דאָס איז איהר איבעררדריסיג געוואָרען. זי איז געוואָרען אומעטיג און האָט אויסגעשריהען: — אָ, דו אַלמעכטיגער מאַנאַדעוואָ! דו האָסט מיך בעשאַפען אַזאַ שענהייט, אַלע ווערען פון מיר ענטציקט, איך הער אָבער ניט, איך וויים ניט פון די התפעלות, ווייל אַלץ ווערט נתפעל שווייגענדיג.

און מאַנאַדעוואָ האָט דערהערט איהר געבעט און האָט בעשאַפען זעהר אַ סך פייגעל. די פיעלע פייגעל פלעגען זינגען ליעב־לידער דער שיינער פרוי. די פרוי האָט געהערט און געשמייכעלט, אָבער אין אַ טאָג אַרום איז עס איהר נמאס געוואָרען און זי איז געוואָרען אומעטיג.

די געפאלענע.

דו האסט זי געקענט... און געקענט זי גאר נאהענט,
זי איז אזא שעהנע געוועזן:
לאקען, ווי גאלדענע שלאנגען — און אויגען —
אין זיי האט געפינקעלט א ברענן...

און ציינער, ווי פערעל, געפאסט אין צוויי רינגע,
צוויי ליפעליך רויטע, ווי בלוט;
א שארפע בעוועגונג אין קערפער אין שלאנקען,
אין הארצען א קאכיגע מוט.

אזוי איז זי איבער די גאסען געגאנגען,
אזוי אין די סעדער שפאצירט,
און שעלמיש מיט טויזענדער הערצער געשפיעלט זיך,
און שעלמיש די הערצער פערפיהרט.

זי האט איהרע קליידער טאג־טעגליך געביטען,
בעוויזען אין זיי, וואס הייסט — חן...
עס האבען ביי מענער די ליפען געציטערט:
דאס געהט ער, דער טייוועל אליין...

עס בייטען זיך יאהרען און לויפען און פליהען,
עס ווערט אלץ געענדערט די צייט,
און דאס, וואס אמאל האט אזוי שטארק געצויגען,
קען בלייבען דערנאך אין א זייט...

זי ליעגט אויפ'ן בעטעל, א בלייכע, א שוואכע,
די אויגען פערלאשען, אהן גלאנץ;
צעשוויארפען די האר ארום שטערען, אזוי ווי
א גראהער, צעטריקענטער קראנץ...

דאס פנים אין קנייטשען, דאס מויל אהן די פעריל,
ווי זי וואלט שוין טיעף געוועזן אלט...
אין שטיבעל איז פינסטער, די טונקעלע שאטענ'ס,
מעהר שרעק גיעבען צו איהר געשטאלט...

און ליעגענדיג ווערט זי איינשלאפען... איהר חלומ'ען
זיסע חלומות א סך:
זי שוועבט אין בריליאנטען... א יונגע... ביי מענער
איהר בליק איז א טייערע זאך...

א יונגע, א שעהנע, א מילדע, א פרישע,
א רייכע אזוי ווי אמאל,
און שנעלט אין די נעזער די מענער, און פיהרט זיי,
ווי הינד ארום זיך אהן א צאל...

זי שלאפט און זי פיבערט... אין שטיבעל איז פינסטער
עס הערען זיך שטימען ארום:
„ברודער'ל, האב איך א נייע געפונען,
צערטליך און שען, ווי א בלום...

און ס'רעדט נאך א שטימע: געפונען א נייע?
וואו איז זי — בעקאנען זיך שוין!
— איך וועל דיר זי ווייזען, זי וועט דיר דערמאנען
דער קראנקערס אמאליגען חן...

דוד קאסעל.

—אלמעכטיגער מאגאדעוואַ! האט אויסגעשריהען די פרוי. מען זינגט מיר ענטציקטע ליעדער, אז איך בין שעהן, אבער וואס איז דאס פיר א שיינקייט, אז קיינער וויל מיך ניט ארומנעמען, גלעטען און זיך צודריקען צו מיר!

דאן האט דער אלמעכטיגער מאגאדעוואַ בעשאפען א שעהנע בייגענדיגע שלאנג. זי האט ארומגענומען די שעהנע פרוי און געקריכט ביי איהרע פיס. — א האלבען טאג איז די פרוי געוועזן צופריעדען דערנאך איז אויף איהר ווידער אנגעפאלען אנ'אומעט און זי האט ווידער אויסגעשריהען:

— אח, ווען איך וואלט אין אמת'ן שעהן געוועזן, וואלטען מיר אנדערע נאכגעמאכט. דער סאלאוויי זינגט פראכטפאל, מאכט איהם דער שציגאל נאך; מסתמא בין איך גאר ניט אזוי שעהן!

דער אלמעכטיגער מאגאדעוואַ האט געוואלט צופריעדען שטעלען די פרוי, — און האט בעשאפען די אפע. די אפע האט נאכגעמאכט דער פרוי'ס יעדען קעהר. און די פרוי איז געוועזן זעקס שעה צופריעדען, אבער דערנאך האט זי מיט טרעהרען אויסגעשריהען:

— איך בין אזוי שעהן, אזוי פראכטפאל! מען בעזינגט מיך, מען קריכט ביי מיינע פיס און מען מאכט מיר נאך, מען ווערט פון מיר ענטציקט און מען איז מיר מקנא אזוי, אז איך הייב אן מורא צו האבען.

ווער אבער וועט מיך פטרהיטען, אז מען וועט מיר וועלען אויס קנאה שלעכטס טאהן!

האט מאגאדעוואַ בעשאפען דעם שטארקען, מעכטיגען לייב. דער לייב האט געהיט די פרוי. דריי שעה איז זי געוועזן צופריעדע, אבער אין דריי שעה ארום האט זי אויס געשריען:

— איך בין שיין! מען גלעט מיך; איך — קיינעס, מען ליעבט מיך, איך — קיינעס. איך קען דאך ניט ליעבען דעם שרעקליך גרויסען לייב, פיר וועלכען איך האב נור רעספעקט און מורא!

און אין דער זעלבער מינוט האט, דורך מאגאדעוואס ווילען, פיר דער פרוי ערשיינט א שען־קליין־הינטעל.

— א, ס'ארא ליעב חיה'לע — האט אויסגערופען די פרוי און האט אנגעהויבען גלעטען דאס הינטעל. ווי איך האב עס ליעב!

איצט איז שוין ביי דער פרוי אלץ געוועזן. זי האט שוין מעהר ניט געהאט וואס צו בעטען. דאס דאט זי אריינגעבראכט אין כעס, און כדי אויסצוקיהלען דעם כעס, האט זי א זעץ געטהאן דאס הינטעל. דאס הינטעל האט אנגעהויבען צו בילען און איז אנטלאפען. זי האט אנגעשלאגען דעם לייב, איז דער לייב אוועק. זי האט אנגעטראטען די שלאנג מיט'ן פיס איז די שלאנג אוועק געקראכען. די אפע איז פערשוואונדען אין די פויגעל זענען צו פליגען, ווי נאר די פרוי האט אויף זיי אנגעשריען..

— א, איך בין אונגליקליך! האט אויסגערופען די פרוי, ברעכענדיג די הענד. מען האט מיך ליעב, מען גלעט מיך, מען לויבט מיך, ווען איך בין גוט אויפגעלעגט און אלע לויפען פון מיר, אז איך ווער בייז. איך בין איינזאם! א, דו אלמעכטיגער, מאגאדעוואַ! דאס לעצטע מאל בעט איך! בעשאף מיר אזא מין זאך, אויף וועלכע איך זאל קענען אויסגיסען מיין כעס און עס זאל זיך ניט וואגען לויפען פון מיר, ווען איך ווער בייז. אזאך, וואס זאל מוזען געדולדיג איבער טראגע, אלע מיינע קלעפ...

מאגאדעוואַ האט זיך פערקלעהרט און האט איהר בעשאפען... א מאן.

איבערזעצט דורך שרה רייזען.

דער מאדנער.

(עסקיז).

געווידמעט מיין פֿריינד ל. נ.

דער פאלטא, וואָס זיסעל טראָגט שוין דעם צעהנטען ווינטער, איז איינענטליך ניט געווען קיין ווינטערדינער אין פֿוללען זינען פֿון דעם וואָרט. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען העל, האָט ער אויך ניט געהאַט קיין וואַטע. אָבער קיין זומערדינער האָט ער אויך ניט געקענט הייסען. דער געוואַנד פֿון איהם איז געווען גראָב און האָריג און דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַ האַראַקטער פֿון אַ הערבסט אָדער פֿריהלינג־מאַנטעל. זיסעל אליין האָט איהם אָבער גערופֿען מיט אַ וויצעלע „דער פּאַרעווער מאַנטעל". און האָט ערקלערט מיט׳ן שׂכל, אַז ער דאַרף אַזוי הייסען, ווייל אַזא מאַנטעל קען מען טראָגען אין אַלע פיער צייטען פֿון יאָהר און אפֿילו צודעקען זיך מיט איהם איז אויך ניט שלעכט. אַז דער מאַנטעל דעקט אין אַ קאַלטער נאַכט זיסלען צו, זעהט עס טאַקי אויס ווי איין עכטע קאָלדרע. אמת, די פאר ארבעל שטערען דער אַלגעמיינער הארמאָניע, נאָר ווער דאַרף עס אַזוי נאָהענט צוגעהן און בעטראַכטען? דער עיקר איז דאָך, ווי אַזוי די זאַך זעהט אויס פֿון דער ווייטען...

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אַזא מאַנטעל מיט אַזוינע מעלות האָט זיסעל געוואוסט ווי צו שעצען. טאָמער פֿלעגט איהם אַמאָל איינער פֿון זיינע בעקאַנטע בעמערקען:

— שוין צייט אייך, פאַני זיסעל, אַ נייעם מאַנטעל צו מאַכען.

פֿלעגט זיסעל אַ קיק טהון אויף זיין מאַנטעל, אויפֿהייבען דעם קאָלנער, וואָס איז געווען זעהר אַ הויכער, אַריינלייגען איין אַרבעל אין צווייטען און מיט אַ זיעגערישען טאָן ענטפֿערן:

— וואָס? אַ שלעכטער מאַנטעל? —

יענער פֿלעגט אַ שמייכעל טהון און געפֿינען, אַז דער מאַנטעל איז ווירקליך גוט.

— דאָס געלד וואָס אַ נייער מאַנטעל דאַרף קאָסטען האָב איך וואו אַהין צו טהון—פֿלעגט נאַכדעם זיסעל צוגעבען מיט אַ גוט־מוטיגען טאָן און מען האָט געוואוסט, אַז זיסעל, אָט דער אַלטער בחור, אָט דער „מאָדנער", וואָס אַרבייט ערגיץ פֿאַר אַ פֿירמא און פֿערדיענט פֿיעל געלד, טהוט מיט מענשען גרויסע טובות און אויף זיך אַליין קוקט ער גאָרנישט.

און דאָך האָט זיך געטראָפֿען מיט זיסלען אַ סיבה און ער האָט געפֿעלשט אין זיין מאַנטעל און אָנגעטהון אַ פֿוטער...

— ווי קומט צו אייך, פאַני זיסעל, אַ פֿוטער? האָט איהם יעדער בעקאַנטער, דערזעהענדיג דאָס ערשטע מאָל אין פֿוטער פֿער־וואונדערט געפֿרעגט—איהר זענט שוין צום שכל געקומען?...

און זיסעל האָט מיט אַ פֿערשעמטען שמייכעל געדאַרפֿט דער־צעהלען אַ מעשה, וועלכע איז איהם געווען זעהר ניט איינגענעהם. עפּיס איינער, זיינער אַ ווייטער בעקאַנטער, וועלכער האָט נויטיג גע־דאַרפֿט געלד, נאָר באָרגען ביי איהם האָט זיך יענער געשעמט, האָט איהם פֿערקויפֿט דעם פֿוטער, מיט אַ תירוץ, אַז ער איז אויף איהם ענג.

— איך האָב איהם געמוזט קויפֿען... איהר פֿערשטעהט? האָט ער זיך פֿערענטפֿערט.

די בעקאַנטע האָבען פֿערשטאַנען און זענען געווען זעהר צופֿריעדען, וואָס ענדליך האָט נאָט געהאָלפֿען און זייער גוטער זיסעל איז געוואָרען אַ מענש...

— גוט אַ פֿוטער, הא, וואָס? האָבען זיי איהם געפֿרעגט.

— גוט איז גוט—האָט דער אַלטער בחור מיט אַ נאַיווען קינ־דערשען שמייכעל געענטפֿערט... אָבער...

— אָבער וואָס?

— אָבער איך שעם מיך...

די בעקאַנטע האָבען זיך פֿערנאַנדער געלאַכט.

— כ׳לעבען איך שעם מיך... ווי קומט צו מיר אַ פֿוטער?

די בעקענטע האָבען ווידער געלאַכט: טאַקי אַ „מאדנער". מען זאָל זיך שעמען צו טראָגען אַ פֿוטער! הלואי וואָלט יעדער פֿון זיי געהאַט אַ פֿוטער, וואָלט ער גאָר איין אנרער שטאָלץ בעקומען. די ערד וואָלט אונטער איהם געציטערט...

און לכבוד דעם פֿוטער, וואָס זיסעל האָט אָנגעטהון, האָט דער ווינטער אַראָבגעשיקט אַ שטאַרקען פֿראָסט, וואָס האָט עטליכע טעג נאָך אַנאַנד מיט אַ קאַלטען פֿייער געברענט. זיסלען, געהענדיג אין גאַס, וואָס האָט געוואָרעמט פֿון מענשען, צווישען וועלכע ער האָט גראַד ווי אויף צולהכעיס פֿיעל נאַקעטע בעגעגענט, האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער איז אין דעם פֿראָסט שולדיג, און האָט ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען די אָרעמע, נאַקעטע דורכגעהער, וואָס האָבען זיך געקנייטשט אין דרייען פֿיר קעלט. ווען ער וואָלט געטראָגען זיין „פּאַרעווען מאַנטעל" וואָלט ער שוין צו אַ מאַנכען צוגעגאַנגען און געפֿרעגט:

— וואָס, קאַלט, פּעטערקע?

אָבער אין דעם פֿוטער האָט ער קיין מוטה ניט צוצוגעהן אויס־צורייַדען, ווי זיין שטייגער איז, אַ וואָרט. דער פֿוטער מאַכט אַ מחיצה צווישען איהם און די אַלע אָרימע. און אַ פֿערשעמטער לויפֿט ער דורך די גאַס, סטאַרענדיג זיך קיינעם אין די אויגען נישט אַריין צו קוקען. ער קען זיך אָבער ניט איינהאַלטען, בעגעגענדיג איין נאַקעטען טרעגער, האָט ער ווי פֿערשולדיגט אַ פֿ־ען געטהון: קאַלט דאַ?... דערהערענדיג אַ קרעכץ אנשטאַט איין ענטפֿער, איז זיסלען אַ קעלט דורכגעלאָפֿען דורכ׳ען פֿוטער, און ער האָט עפּיס בעשלאָסען...

אויפֿ׳ן פֿינפֿטען טאָג, אַלס דער פֿראָסט האָט זיך געשטאַרקט, האָט מען זיסלען צוריק געזעהען אָנגעטהון אין זיין אַלטען מאַנטעל.

— ווידער אין אַלטען? האָט איהם אַ בעקענטער געפֿרעגט. איהר וועט דערפֿרוירען ווערען — אַזא פֿראָסט!

— עט, האָט זיסעל מיט אַ זיכערין טאָן געענטפֿערט,—אָהן אַ פֿוטער ווערט מען ניט דערפֿרוירען, אָבער אין אַ פֿוטער ווערט מען אָבגעריסען און פֿערפֿרעמדט פֿון אָרימע ב־ידער, און אָהן זיי איז קאַלט אין בעסטען פֿוטער. יעצט איז מיר גאַנץ וואַרים...

דער בעקענטער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אין גערדאַנק אויף זיכער בעשלאָסען:

— „ניט נאָר אַ מאָדנער—אַ משוגענער!... — לאָזענדיג דעם בעקאַנטען מיט זיין מיינונג איבער איהם, האָט זיך זיסעל געלאָזען געהן. ער האָט גלייך בעמערקט ביי אַ ראָג שטעהן אַ ט־עגער, וועלכער האָט דאָ געקלאַפּט מיט די פֿיס, דאָ געפּאַטשט אַ האַנד אין אַ האַנד, דאָ אונטערגעשפרונגען און נאָך אַזעלכע סגולות צום פראסט. זיסלען האָט עס געריהרט, אָבער אויך געפֿעלען געוואָרען. אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען דאָס אַלטע גוטע פֿייעריל און האָט זיך געווענדעט צום טרעגער.

— וואָס, פּעטערקע, קאַלט?

— קאַלט! קאַלט! האָט דער טרעגער, ווי פֿריילין געענטפֿערט.

— נישקשה! מיר וועלען ניט דער פֿרוירען ווערען! האָט זיסעל געמוטהיגט.

— עט, דערפֿרוירען ווערען! ווער זאָגט עס? דעם ערשטען ווינטער בעגעגען איך דען? האָט דער טרעגער, מאַכענדיג זיינע סגולות פֿאַר איין וועגס גערעדט!

און זיסעל איז מיט אַ ליעדעלע פֿריילין ווייטער אוועקגעגאַנגען, לאַכענדיג פֿון זיך אַליין ביין גערדאַנק, אַז ער האָט פֿיער טעג אַ פֿוטער געטראָגען.

עס איז טאַקי געווען אַ משוגעת! האָט ער הויך אויפֿ׳ן קול זיך מתודה געווען...

אברהם רייזען.



פונם רייזע־ביכעל.

אויפצייכנונגען פון מ. י. ב.

VI

שרה. — „צרות מיט געלד איז ניט אַזוי שלעכט, אָבער צרות אָהן געלד... — אַ יודענע אַליין מיט דריי קינדער און מיאוס ווי איך בין. אַז דער מאַן מיינער האָט מיך פיינד געהאַט, און איך איהם, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיט׳ן מלאך המות און מיך איבער געלאָזען מיט אַנדערהאַלבען קישען און מיט דריי זעקסער במזומנים. צעהן יאָהר האָב איך געהאָראָוועט און פערדיענט און געלעגט אַ גילדען צו אַ גילדען און דאָס ערשטע קערבעל שוין נגעבען אויף פּראָצענט און אַ באַרג מיט חובות אָבגעצאָהלט און אין דער שטוב אַלעס פון נייעם געקויפט פונ׳ם טאַפּשטען אָנגעהויבען. געשענקט האָט מיר אוודאי קיינער ניט. מען קען מיך, אַז שרה צאָהלט".

„און ווער האָט די קינדער דערצויגען? ווער דאָט זי געבראַכט צו לייטען גלייך? ווער טראַכט מכח זיי וועגען אַ תכלית און וואָס, וואָס, ער טראַכט? איך, איך! אַז דער פאָטער איז געשטאָרבען, זענען זיי געוועזען אויס ג׳דבר׳ט, הויט און ביין, און היינט קוקט אָן פּיסקעס מיט באַקען, ס׳איז דא אויף וועמען צו קוקען, יאָ, צוערסט ווערט מיר געזונד קינדערליך, זשאַלעוועט ניט דער מאַמעס שמאַלץ און בעקומט פּנים׳ער ווי מענשען. נעלד איז דא פאַר איטליכען. אַז שרה וועט טהון אַ שידוך מיט אַ קינד, וועט זי צאָהלען אויפ׳ן טיש. ביי מיין טאַטען האָב איך עס אוודאי ניט געלערנט, וואָרום ער איז געוועזען אַ קבצן פון קבצן לאַנד און האָט אין זיין לעבענס טאָג ניט געזעהען אַזוינס, וואָס ס׳הייסט געלט, און אַז דער מאַן מיינער וואָלט געוועזען געלעבט, וואָלט מיך אויך אפשר געהאַט דער גוטער יאָהר. ער האָט אַזוי געקענט פערדיענען, ווי איך קען מיר היינט אָנטהון אַ שטריימעל און ווערען אַ גוטער יוד. אַ גאָר נישט גלאַט אַ גאָר נישט און כלומר׳שט טהוט מען אַלע יאָהר אַהוסט, וואָס שמעקט מיט שטאַחאָטקע".

„אַז איך הייב מיך אָן צו דערמאַנען, ווי אַזוי מיר האָבען אונז גענומען. איך אַ מויד און האַלט ביי שלשים און אַ פּנים ווי אַריב אייזען און ער אַ פועל בטל. עפּיס האָט ער געוואָלט זיין אַדרדיק׳ער מלמד, צי אַ שמש, צי אַ בעדער. — זיי וואָס דו ווילסט אַבי זיי! — אָבער גאָר ניט, מילא נדן האָב איך איהם געגעבען אַ מכה, נו. ער איז שוין אַ היבש שטיק יאָהר טויט און איך רעד אַלץ אויף איהם, עפּיס האָט דער מענש אַ גאַל. זאָל איך זאָגען, הלואי וואָלט איך איהם גאָר ניט געזעהן דערקענט. ניין! דאָס ניט, וואָרום השגחה שטעהט דאָך געשריעבען... די מאַמע זיינע האָט זיך גאָר פערגליסט און האָט מיר אָנגעהויבען צו זאָגען שטעכווערטער נאָך דער חתונה, נאָר מיט דער בין איך אָבער באַלד פערטיג געוואָרען, מיט מיר אָנהייבען! צעהן מאָל אַ רוח אין איהר טאַטען אַריין, האָט אַזאַ זוהן, וואָס איז ניט ווערטה צוויי ג׳ראָשען, און איז אַ מיוחסת... היינט אָבער אַז זי קומט אָן צו מיר און איך וואַרף איהר אָב אַ ביסען, שווייגט זי אין אַז ס׳האַרט זי, אַז זי זעהט ביי מיר אפולע שטוב, זאָל זי צוזעצט ווערען קוקענ׳דיג, אוודאי האָב איך מיך ניט וואָס צו בעקלאָגען, איך ווייס אַז איך האָב עס געבראַכט צו אַ שטיקעל טאָלק און אַז איך האָב עס מיינע הענד צו פערדאַנקען; און וואָס אַז ביי מיר אין קאָפּ איז אויך ניט פּיסטע ווי איהר זעהט מיך, אַ יודענע וואָס ווייס נור פון האָ־אָוואַניע און געלערענט האָב איך קיין מאָל ניט, אָבער די וועלט קען איך און אויערן האָב איך און א ו י ג ע ן האָב איך אין ה ע ר ע ן הערט מען און ז ע ה ע ן זעהט מען אומעדום".

„איך זאָג אייך, לאַכט ניט פון אַ יודענע. איך קען זיך איטליכען אין שטאָדט אין ווייס מיר ווי ס׳שטעהט מיט מיינע יונגען און אַז איינער האַלט נאָך ניין חדשים פאַר׳ן אָנזעטצען, זעה איך עס איהם תיכף אויפ׳ן שפּיטץ נאָז. און אַז מ׳רעדט פון גאָט און מ׳פערדרעהט די אויגען, פערשטעה איך שוין, וואו דער שיך קוועטשט... און אַז איינער קומט און טראַכט ביי זיך מיך אָבצונאַרען, איז ער ביי שרה׳ן שיין אָנגעקומען! געלד גיב איך ניט אויף אַ יחוס און אויף קרעדיט אויך ניט, וואָרים אַז איינער קומט און וויל באָרגען געלד, קען ער שוין האָבען אויף דער דעה ניט ווילען צו בעצאָהלען און פאַרוואָס זאָל ער יאָ ווילען? ניט ער אָבער מחילה אַ משכן, וואָס איז ווערט פינף מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל איך גיב איהם און דער משכן בלייבט ביי מיר, ביי מיר אין קאַסטען פערשלאָסען און דער שליסעל איז ביי מיר מוז ער ו ו ע ל ע ן בעצאָהלען, אַ ברירה האָט ער"? —

„ווי איהר קוקט מיך אָן האָב איך ניט איינמאָל געהאַט וואָס אויסצושטעהען, מיינט איהר אַז גנבים האָבען זיך ניט מיישב געווען און מיר ניט געוואָלט אַלעס אַרויסטראָגען ביי נאַכט? איהר קענט שמעונ׳קען? האָב איך דערהערט און בין אַראָפּגעשפּרינגען פונ׳ם בעט און איין העמד און זיך גענומען צו מיין בחור. די יונגסטע מיינע האָט זיך אויפגעחאַפּט און האָט אָנגעהויבען צו שרייען, שכנים זענען אַריינגעלאָפּען דערשראָקען און האָבען אונז געטראָפען ביידע זיך ראַנגלען. שמעונ׳קין האָט מען מקיים פּסק געווען, אַז ער האָט נאָך עד היום צו געדענקען".

„און אַז מ׳מסרת מיך אונטער אַביסעל און דער סאָטסקי קומט צוגעהן און הייסט זיך ווייזען דעם קופּערט, גיעב איך איהם אַ האַלב קערביל און אַ ווינק אויף נאָך אַ האַלבען און ער איז גלייך ווי איבערגעביטען. און אַז דער פּריסטאַוו האָט מיך געשיקט רופען און ניט געשזאַלעוועט און געזאָגט, איך זאָל איהם געבען אַ צעהנעריל, האָב איך מיך גאָר ניט געשעמט און אַרויסגענומען אַ פינפעריל. אפילו דער מלאך־המות אַליין זאָל קומען, וועל איך פאַר איהם ניט בטל ווערען. נאָר איינס האָב איך קיין חשק ניט, אַז איך וועל שטאַרבען זאָל מען מיך ניט ווידער אין איינעם ברענגען מיט מיין מאַן און איז ער אַ שמש אין גן־עדן, צו אַ תהלים זאָגער, אַ קשיא אויף אַ עהרליכען יודען? דינג איך מיר ליעבער אָב אַ ווינקעלע אין גהינם. נישקשה, דאָרט זענען אויך פאַרהאַן מענשען, און אַז ס׳ברענט, נעמט מען אַדיישקע וואַסער און מ׳גיסט זיך אָפּ דעם קאָפּ".

„יאָ, איהר האָט צו טהון מיט שרה׳ן. אַז איהר מאַמע, די רביצ׳ן, האָט נאָך געלעבט, האָט זי פון מיר געהאַלטען אין האָט געוויסט, אַז פאַר איהר, אַז זי האָט נאָר בעדאַרפט, האָב איך יאָ געהאַט דאָס דרייעריל דעם גמילות־חסד. אַז איהר ווילט, לייענט מיר איבער אָט אָ דעם וועקסעל. מיינט איהר, אַז איך ווייס ניט פונ׳ם קורס און קען ניט אַלעס בערעכענען. איך ווייס זיך, אַז ס׳דא צייטונגען און איהר לייענט זיי..."

VII.

די ענונה. — „האָב איך צו איהם געזאָגט: גיב אָב מיין קינד די ק״ן קע־בליך, וואָס איך האָב איהר געגעבען נדן און גיב איהר אַרויס די הלבשה און לאָז זיין אַ עק; האָט ער צו מיר געזאָגט: שווער, איך הער אייך מיט אייער רעדען פאַר אַ פּיאַטאַק. טענה איך און בעט ביי איהם רחמים: בעריל האָסט דו שוין גאָר קיין יושר ניט, געהען מיר צו מענשען, אַז דו ווילסט, פאַרקעהרט, טאָמיר ביסט דו גערעכט, איז גנעה רעד מיט אַ הילטיי! ווער איז מיר שולדיג, אַז איך האָב גענומען מיינע אַ טאָכטער און זי געגעבען אין אַזוינע הענד. איהר וואָלט געמענט זי זעהען ביי דער חתונה, אַ לעבטיג ווייביל, וואָס מ׳האָט אין איהר צורה ניט געקענט קוקען פאַר שיינקייט און בטבע אַ מזג טוב און אַ גוטס, אַז ס׳גע־אָט, געראָט׳ס אין אַלעמען. אַז ער איז אָבער ניט ווערט איהר פּיאַטע. אַ מענש, וואָס האַלט זיך בעשטענדיג קלוגער פון דער גאַנצער וועלט און וואו ער ריה־ט זיך צו, דערלעגט ער, און פּ־יווט איהם עפּיס זאָגען, איז ער גלייך פּייער, און אַ עקשן, און אַ ביטערער יונג, געהט תמיד אַרום אָנגעבלאָזען. פאַר איהם יוצא זיין קען קיינער ניט".

„תיכף אַז ער האָט אַרויסגענומען דאָס געלד און איך האָב צוגעזעהען, ווי אַזוי ס׳צורינט פון חודש צו חודש און ער הייבט ניט אָן צו האָבען אויף דער מחשבה, ווי אַזוי ס׳מיר שווער אָנגעקומען, האָב איך געפּריפּט און אַ רעד געטהון מיט איהם, ווי מען רעדט צו אַ קינד: טהו אַזוי און אַזוי, וועסטו קומען צו אַ תכלית, איז ער אָבער, ווייל מען זאָגט איהם, טהוט ער פּונקט קאַפּויר, ווי אַ ריינער צו־

להכעיס׳ניק. דערווייל האָב איך נאָך קינדער, האָב איך געמוזט אַראָבנעהמען די האַנד פֿונ׳ם הארצען און האָב געמוזט צוזעהען, ווי אַזוי ער קייט איין פֿינפֿעריל נאָך דעם אַנדערען און עסט שוין גאָר אַ פֿרעמד קערביל... איך פֿרעג מיך אַליין, וואו איז געוועזן מיין קאָפּ צו טהון אָט דעם שיד.ך, דאַכט זיך איך האָב גישט ליעב מיך צו איילען, פֿערקעהרט — איך איבערלעג מיר איטליכע זאַך צעהן מאָל, אידער איך טהו עפּיס, אָבער אז ס׳איז בעשערט אַ אונגליק, נעמט גאָט צו דעם שכל".

„גע׳סוחר׳ט האָט ער, אַז ס׳געווען אַ חרפּה, און אַז ער פֿלעגט קומען אַהיים איז ער נאָך דער פֿריץ און וויל דעם גוטען אָנבייסען און ווען ניט צו דער מינוט, איז ער מלא רציחה. זי טהוט דעם גאַנצען טאָג זיך מאָרדעווען אין אלקער אָהן אַ שטיקעל מענשען; און ער זאָל עס האָבען פֿאַר איהר אַמאָל אַ גוט וואָרט. פֿאַרקעהרט אַז זי דערגאַדזעט איהם ניט אַביסיל און ס׳איז ניט אַזוי אַקוראַט, קען ער זי מאַכען פונקט מיט דער בלאָטע גלייך. איהר זאָלט הערען ווערטער, וואָס אַ יוד פֿערגינט זיך צו זאָגען אַ אייגען הייב, און אַזאַ ווייביל, וואָס איין אַנדערער וואָלט זי געטראָגען אויף די הענד, אַז ער וואָלט זי געהאַט. איך זאָג אייך, דאָס האַרץ צענעהט זיך אין מיר דערמאנענדיג".

„און אַז ס׳פֿלעגט איהר דערגעהען צו דער לעבער און זי פֿלעגט קומען צו אונז מיט פֿערוויינטע אויגען, האַט מען נאָך געמוזט איהר נעמען אויסרעדען... איהר ווייסט, היינטיגע יאָהרען איז ניט אַזוי גרינג. אַ גרושה איז קיין מיידיל ניט און געפֿינט ניט אַזעלכע בעלנים. פֿונ׳ם נדן איז שוין ניט דאָ קיין זכר. אַ קינד איז אויך ניט קיין גרויסע מעלה צו אַ שידוך, מיט׳ן אַנדערען טראָגט מען... אודאי רייסט אונז דאָס האַרץ צו זעהען, ווי אַזוי זי ליידט נעביך ביי איהם און פֿיהרט ביי איהם אַ לעבען, אויף אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען, זי האָט אודאי פֿאַרדיענט בעסערס. אַז גאָט אָבער האָט געוואָלט, מ׳זאָל מיט איהר אַזוי אַריינפֿאַלען! וואָס זאָג איך אַריינפֿאַלען, נעמען לעבענדיגערהייט און בעגראָבען — און אַזאַ גאָלדען קינד, וואָס אַז זי איז געווען אַ מיידיל, ווי די זון האָט זי געשיינט.

„און שטעלט אייך פֿאָר דער אייגענער מענש נאָך קנאַפּע פֿיער יאָהר אַזוי פֿערוואָגעלט און אַזוי פֿערשוואַרצט און נאָך אַזאַ יונגענד. זאָל איך זאָגען, אַז ער האָט זי פֿיינד געהאַט, פֿאַרקעהרט. נאָך דער חתונה איז ער נאָך איהר אויסגעגאַנגען — און דערנאָך — אַלע מאָל קיעלער. האָט איהר געהערט, אַז אַ יודען זאָל דאָס אייגענע ווייב גמאס ווערען? און אונז איז ער פּשוט אַ דם שונא און וואָלט זיך ניט געקענט קיעלען אין אונזער בלוט. די קאַפּאָטע האָט מען איהם געקוילעט! און אַ גאַנץ יאָהר איז ער געזעסען ביי אונז אויף קעסט און האָט געגעסען אונזער ברויט".

„איך זאָג אייך ס׳איז גאָר אַ אַנדערע וועלט און איידער צו האָבען אַזעלכען נחת פֿון קינדער איז שוין בעסער גאָר קיין קינדער ניט צו האָבען. וואָס האָב איך פֿון מיין לעבען? געהאָרעוועט האָב איך אַלע יאָהר און אַליץ פֿון דייערטוועגען, פֿונ׳ם מויל האָט מען זיך אָבגעשפּאָרט אַבי זי חתונה מאַכען מיט לייטען גלייך. מילא זי, די עלטערע טאָכטער מיינע, פֿון דער וויל איך גאָר ניט רעדען. איהר מאַן איז אויך אַ כלב, אָבער זי האַלט מיט איהם, זאָל זי מיר געזונד זיין — ניט פֿריהער איז שפּעטער וועט זי איהם דערקענען. מיינעטוועגען זאָל זי זיך האַלטען מיט איהם. אָבער די יונגערע מיינע הענגט אָן אונז און וואָלט זיך פֿאַר טאַטע־מאַמע געקענט אָבהאַקען אַ פֿינגער, מוז זי קריגען אַזאַ גאָרנישט פֿאַר אַ מאַן".

„ניעחאי וואָלט ער חאָטשי געווען אין דער היים. דעם עיקר האָב איך פֿערגעסען צו דערציילען, דער מענש איז דאָך גאָר ניט דאָ, איז אַוועק און האָט זי געלאָזען אַ עגונה שוין אַכט חדשים. איינמאָל שבת צו נאכט איז יוכבד, די טאָכטער מיינע, געקומען צו לויפֿען אין איין יאָמערן. איך, די מוטער, אַ דונער האָט אונז דערשלאָגען, וואָס איז געשעהען, טאָכטערוניו! ס׳איז פֿון איהר ניט א ווארט אַרויסצובעקומען, זי וויינט און פֿערגראָבט דעם קאָפּ אין באַנקבעטיל, מיר זענען אויסער זיך, טאָכטער לעב, דערצייל דאָך, וואָס האָט ער דיר געטהון? זי חליפּעט און הייבט אָן בייניעס צו וויינען אויף אַ קול. מיר שטעהען און וויסען ניט וואָס צו טהון, דאָס ווייביל עקט זיך. איך נעם דעם בורנוס און וויל צו איהם געהן פֿרעגען, חאַפּט זי זיך אויף, טאַטע, געה ניט צו איהם, ער איז א רוצח — איך הער זי ניט און לויף. די אויגען וועל איך איהם אויסרייסען. קום איך אַהין איז פֿינסטער אין אַלקער, אין אַ שעה קום איך ווידער און ס׳אויך פֿינסטער. די גאַנצע נאַכט ער איז ניט דאָ, אין דער פֿריה — ער איז אויך ניט דאָ, דעם גאַנצען טאָג. מ׳עפֿנעט די טיהר, ער האָט פֿערנומען דאָס ביסיל צירונג און אַלע גוטע זאַכען און איז אַוועק און זי זיצט נעביך ביי אונז. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ער מוז זיין אין אַרגענטינא. טאָמיר קענט איהר שרייבען אויף די בלעטער"...



צווישען עמיגראַנטען.

זעהר לאַנג איז געווען פֿערדעקט פֿאַר דער עפֿענטליכקייט פֿון דער ציוויליזירטער וועלט די שרעקליכע, אונמענשליכע בעהאנדלונגען, וועלכע די אַגענטען פֿון דער האַמבורג־אַמעריקאַ־ליניע מיט דער הילף פֿון דער פּרייסישער פּאָליציי, ערלויבען זיך קעגען די אונבעשיצטע, אויסגעמוטשעטע יודישע וואַנדערער. יאָהרען־לאַנג האָט דיזע געלדדורשטיגע געזעלשאַפֿט אונגעשטערט געצאַפּט און געגאַנט די בלוט פֿון אונגליקליכען נע־ונד׳ניק. די מאַטעריאַלע און מאָראַלישע בעדינגונגען פֿון יענעם לאַנד האָבען געלייגט אַ זיגעל פֿון שקלאַפֿעריי אויף דעם יודען׳ס נשמה און האָט דעריבער ניט פּראָטעסטירט הויך קעגען די אונרעכטען, וואָס מען טהוט קעגען איהם. מ׳איז געוואָרען אַזוי צוגעוואָהנט צו יעדער נייער בעגרענצונג, צו יעדער נייער פֿאָרמע פֿון אונטערדריקונג, אַז מ׳האָט זיך שוין אַפֿילו אויפֿגעהערט צו וואונדערן אויף דעם. מען נעמט אַלס אָן ווי אַ נאַטירליכע זאַך. פֿערלאָזענדיג די היימאַט פֿאַר הונגער שרעק און אַנדערע אָנשיקענישען, האַלט זיך דער עמיגראַנט פֿאַר גליקליך, אַז ער איז שוין זוכה צו שטעהן אויפֿ׳ן צווייטען זייט גרענעץ און איז מקבל באהבה די איבעריגע גלות׳ן, וואָס איהם קומט אויס אריבער צו טראָגען אויף דער נסיעה, און עס פֿאַלט גאָר ניט איין אין קאָפּ צו פּראָטעסטירען קעגען דעם. ווען ניט ווען האָט זיך געהערט אַ שטימע פֿון אונצופֿרידענהייט קעגען די אַכזריות־דיגע בעהאַנדלונגען, אָבער זי איז גלייך פֿערשווינגען געוואָרען דורך דעם טומעל פֿון די גרויסע געשרייען, וועלכע זענען אַרויסגערופֿען געוואָרען טאָג טעגליך דורך׳ן פֿויסט... די אָפֿיציעלע בעל־הבתי׳שע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווידער, וואָס וויל אַלעמען איינריידען, אַז זי איז די פֿאָרשטעהערין פֿון די יודישע אינטערעסען, האָט וועניג וואָס געטהון (כמעט ווי גאָר ניט) קעגען דעם, דאָס די אייראָפּעאישע עפֿענטליכקייט זאָל בעקאַנט ווערען מיט די אונגעהייערע מאראלישע און קערפּערליכע ליידען, וואָס די וואַנדערער שטעהען אויס אונטערוועגנס אין פּרייסען. צו דורך דעם, ווייל זי, די ציוניסטשע אָרגאַניזאַציע אַליין האָט ניט געוואוסט, וואָס עס פּאַסירט זיך מיט די עמיגראַנטען, אָדער צוליב דעם, וואָס זי האָט ניט געוואָלט איינרייסען מיט׳ן הויפּט־שולדנער פֿון דיזע שרעקליכע בעהאַנדלונגען, מיט באַלין׳ען אַליין, וואָס איז אויך צו אונזער גרויסער שאַנדע — אַ יוד. ווער ווייס? מעגליך, אַז די בעל־הבתישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט „אַקוק" צו געווינען איהם פֿאַר דער אידעע! מען וואָלט זיך דאָך דורך דעם איינגעקויפֿט אַ שטיק יחוס! וועניג האָבען זיך דען מיחס געווען אונזערע כלי קדש, ווען דער פּרייסישער קעניג האָט מפורש געזאָגט באַלין׳ן, דעם דירעקטאָר פֿון דער האַמבורג־אַמעריקאַ־ליניע, אַז ער איז ראוי צו זיין אַ מיניסטער? און אַ מיניסטער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — איז דאָך אַוודאי דאָס העכסטער גליק.

אָבער אונזער פּרעסע? אונזער פּרעסע, וועלכע הערט ניט אויף צו שרייען און צו ליאַרמען, אַז זי, נאָר זי דריקט אויס אַלע יודישע

אינטערעסען. פאַר וואָס האָט זי ניט געפונען פאַר נויטיג ווי עס איז אויסצולערנען פאַקטיש, ניט נאָר דורך צופעליגע זעלטענע, ניט קלאָהרע ידיעות, די שרעקליכע לאַגע פון די עמיגראַנטען און דאָס צופערעפענטליכען? דאַכט זיך יעדע יודישע צייטונג טענה׳ט, אַז איהר, נאָר איהר קומט, דער גאַנצער לויתן, און דעם בעסטען חלק פון שור הבר, ווייל נאָר זי דינט די אינטערעסען פון פאָלק, און סוף כל סוף האָבען מיר אויסער בלאַסע, אָבגעהאַקטע, טייל מאָל ניט ריכטיגע, ידיעות קיין מאָל פון אונזער פרעסע ניט געהערט!

איבעריגענס, אויב די בעל־הבתישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז די פאָרשטעהער׳ין פון גאַנצען כלל, זענען דאָך די קליין קעפּעלדיגע אינטריגעס, וואָס קומען דאָרטען פאָר, ברענענדיגע יודישע לעבענספראַגע — קומט ממילא אויס, אַז אונזער עקזיסטירענדע יודישע פרעסע — וואָס שפּיגעלט נאָר אין זיך אָב אָט דיזע קליינקעפּעלדיגע אינטערעסען, ניט מעהר, ווי אַנ׳עהרליכע דינסט צו דעם דאָזיגען כלל... און אומזיסט איז דער מיט־אַרבייטער פון וואַסכאָד אַזוי אויפגערעגט אויף דעם פערהאַלטען זיך פון אונזער פרעסע צו דער איצטיגער שטורמדיגער צייט, אומזיסט איז ער ניט צו פרידען מיט ברייניז׳ס פעליעטאָן אין הצופה, וואו ער, בריינין, גיט איבער מיט גרויס התלהבות דעם גאַנצען אינטערוויאו, וואָס ער האָט געהאַט ביי מאַקס נאָרדוי און וואו ער דערצעהלט מיט גרויסע קעלבער׳נע התפעלות נאָרדויס מיינונג, אַז עס איז אַסאַך בעסער פאַר יודען דער גלות, איידער פרייהייט (!!!). פון דעם בעל־הבתיש־ציוניסטישען שטאַנד פּונקט איז דאָס גאַנץ לאָגיש. און אין אמת׳ן גערעדט, אויב יודען וועלען זיך קענען בענוצען מיט אַלע מענשליכע רעכטען, וואָלט אפשר דער גאַנצער בעל־הבתישער ציוניזם זיין איבעריג — און וואָס וואָלט דענסטמאָל טהון דער... דער גרויסער און דער קליינער אַקציאָנס קאָמיטעט?

אָבער דאָס, וואָס אונזערע אָפּיציעלע יודישע בטלי טובות און כלל טהוער האָבען פאַרשוויגען, האָט געפונען פאַר נייטיג צו ענטדעקען די ראַדיקאַלע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, און אַרויסצוטרעטען מיט אַ שטאַרקען ענערגישען פּראָטעסט קעגען דעם! די פינסטערע זייטען פון דער יודישער עמיגראַציע, וועלכע איז געבליבען אונבעלייכטעט, אָדער זעהר בלאַס בעלייכטעט, אין דער יודישער פרעסע, איז איצט אָפען און קלאָר אַרויס געשטעלט געוואָרען פאַר דער גאַנצער וועלט, וועלכע וועט געוויס ערשטוינען, לעזענדיג די שוידערהאַפטע בילדער, וואו עס ווערען געשילדערט מיט קלאָהרע שטריכען, ווי מען טרעט מיט די פיס דאָס געפיהל און דאָס רעכט פון וואַנדערער — דאָס אַלעס איז אַרויסגעשטעלט דורך דער בערלינער ראַדיקאַלער פרעסע, וואָס האָט ניט קיין פּראַטענציע צו רופען זיך די מיינונג פון יודישען פאָלק און וועלכע פאָדערט ניט פון דער יודישער מאַסע דעם צוטרוי צו זיך.

דער „פאָרווערטס" האָט איצט פערעפענטליכט אַגאַנצע רייהע אַרטיקלען, וואו דער רעדאַקטאָר ערצעהלט זיינע איינדריקע, וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגען פון זיין צוזאַמען־פאָהרען מיט די עמיגראַנטען. וועלענדיג קלאָהר וויסען, ווי מען בענעהט זיך מיט די אָרימע, ניט פּראָטעסטירענדיגע מענשען, האָט זיך דער רעדאַקטאָר אַלאַס קאַלישקי אַליין פערשטעלט אַלס עמיגראַנט אונטערן נאָמען יואל קאָלישער אויס קיעוו (דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל ווי דער „פאָרווערטס" שיקט איהר מיט אַרבייטער. מיט אַקורצע צייט פריהער האָט דיזע צייטונג געשיקט אַנ׳אַנדער מיט־אַרבייטער מיט די עמיגראַנטען) און האָט דעריבער בעקומען די מעגליכקייט צו זיין איין עדות און פאַקטיש צו ערצעהלען דעם געריכט פון דער עפענטליכער מיינונג אַלעס, וואָס די יודישע עמיגראַנטען קומט אויס איבער צוטראָגען אין פּרייסען.

די אורזאַכע, וואָס האָט ערוועקט דעם „פאָרווערטס" אַ צווייטען מאָל צושיקען איהר מיט אַרבייטער איז די מודעה, וואָס באַלין עט קאָמפּ. האָט אָב געדרוקט אין אַלע צייטונגען אַז אַלע „מיספערשטענדניסען" אין דער עמיגראַציאָן זענען פון איצטער אָן אָב געשאַפט געוואָרען. דיזע באַלין׳ס מודעה איז געווען געדרוקט נאָך דעם, ווי דער מיט אַרבייטער פון „פאָרווערטס" האָט אַרונטער גענומען די הילע פון די שרעקלכע גייסטיגע און קערפּערליכע יסורים, וואָס דער אָרמער וואַנדערער טראָגט אויס פון באַלינ׳ס אַגענטען און פון דער פּרייסישער פּאָליציי.

„אונז אָבער — זאָגט דער שרייבער — האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט, באַלין זאָל מיט אַמאָל ווערען אַ בעל רחמנות און דאָס עס זאָל אין איין נאַכט אָבגעשאַפט ווערען די באַרבאַרישע בעהאַנדלונגען. מיר מוזען מודה זיין — זאָגט ער ווייטער — אַז מיר זענען ניט געווען קיין גרויסע מאמינים אין דער מודעה. אויף אונז איז דעריבער געלעגען אַ הייליגער חוב זיך אַליין מיט די אויגען צו איבער צייגען, אויב עס זענען אין אמת׳ן געמאַכט געוואָרען פערענדערונגען און אויף וויפיל און וועלכע?"

אין דער „פאָרבעמערקונג" גיט דער רעדאַקטאָר איין אַלגעמיינעם איבערבליק איבער די אורזאַכען, וועלכע צווינגען איינגעזעסענע מענשען, וואָס ליעבען און וועלכע זענען צו געבונדען צו זייער היימאַטה, אוועק צו לאָזען אַלס דינג: האָב און גוטס, ווייב און קינד און ביי וועלכע בעדינגונגען מען זוכט איין אָב־רוהה אין די אונבעקאַנטע ווייטע לענדער. „די שווער פערהאָ־עוועטע בעבעכעס, דאָס ביסעל אָרעמקייט, וואָס איז ערוואָרבען דורך יאָהרען־לאַנגער שווערער אַרבייט, ווערען כמעט אומזיסט פערקויפט, גוטע פריינד און קרובים לעגען זיך צו זאַמען גראָשען׳ס וויז ביז מען ברענגט צו וועגען אַ שיפס קאַרטע צו קומען אין אַ בעסערעס, פרייערעס לאַנד. די אונגליקליכע מיינען, אַז מיט זייער פערלאָזען די היימאַט, וועלען זיי זיך שוין אויפהערן צו פייניגען און מיינען דעריבער, אַז אַריינקומענדיג אין פּרייסען, וועלען זיי קענען פרייער אָטהעמען, אָבער נייע טעג פון קוועלעניש און שרעק וואַרטען אויף זיי אין פּרייסען און גלייך מוזען זיך די וואַנדערער איבערצייגען, אַז ווייט איבער די פּרייסישע גרענעצען בלאָזט נאָך דער מזרח ווינד". נאָך דעם ווי דער שרייבער שילדערט די טויט שרעקנים, וואָס ס׳קומט אויס אַריבער צו לעבען, איידער מען קומט אַריבער דעם גרענעץ, גיט ער איבער אין קלאָהרע שטריכען די לאַגע פון עמיגראַנט אין פּרייסען. „אין פּרייסען ערשיינט פאַר די גערודפ־טע עמיגראַנטען אַלס אַרעטענדער־ענגעל באַלין און זיין קאָמפּאַניע. די יעניגע, וועלכע בעזיצען געלד מיטעל און פערמעגען צוצאָהלען צינז דערמיט, וואָס זיי וועלען קויפען ביי איהם אַ שיפס־קאַרט, ווערען אויס געלייזט פון באַלין׳ס געפענגשאַפט, אַ ניט איז ביטער". „נעמט רוהיג אַקאַרטע ביז לאָנדאָן — טענה׳ט באַלין׳ס אַגענט צו אונזער עמיגראַנט יואל קאַלישער — וועט איהר קענען אייניגע טעג פערבלייבען ביי אייערע קרובים, קיינער וועט אייך דעמאָלסט ניט נאָך פרעגען אויף אייערע פּאַפּירען, איהר וועט דעמאָלסט קענען געהן, וואוהין איהר וועט וועלען, און טהון דאָס, וואָס איהר וועט וועלען".

די גאַנצע שילדערונג פון קאַלישקי איז זעהר אַפּשוטע אָהן מליצות. דער שרייבער גיט נאָר איבער דאָס, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט. אָבער יעדער פאַקט רייסט דאָס הערץ. יעדער זאַטץ ענטדעקט אונז נייע האָריזאָנטען פון׳ם גלות, אַזעלכע, פון וועלכע מיר האָבען נאָך ביז איצט קיין בעגריף ניט געהאַט. שווער, זעהר שווער איז ביים לייענען דיזע שילדערונג. אַ שווערע אונבעגרייפליכע לאַסט הערט ניט אויף צודריקען אונזער הערץ נאָך׳ן אָבלייענען: פאַר וואָס? און פאַר ווען?" מוז יעדער ערנסטער לעזער פרעגען: צו דען זענען דיזע אונגליקליכע עמיגראַנטען ניט מענשען צוגלייך מיט אַלע? „ניין! אסך איידעלערע און מיט מעהר געפיהל!" ענטפערט דער שרייבער. זעהר פיל פון די דאָזיגע פערפאָלגטע וואַנדערער פיהלען אַסך טיעפער דעם צווייטענס עלענד און זענען גערייט זיך צו אָפּפערן פאַרן אַלגעמיינעם גליק, דאָס גופא האָט פיעלען פון זיי געבראַכט צו פערלאָזען זייער היימאַטה, וואו זיי האָבען שוין מעהר ניט געקענט פערבלייבען".

אין רוה־לעבען (די קאָנטראָל־סטאַנציע הינטער בערלין) זענען צוזאַמען געקומען פערשידענע טראַנספּאָרטען פון וואַנדערער. דאָ האָבען זיך צופעליג בעגעגענט פערשיעדענע קרובים, בעקאַנטע, גוטע פריינד, וועלכע האָבען אין פערשידענע צייטען פערלאָזען זייערע פאַמיליעס. שוין אייניגע וואָכען צייט, ווי מען האָט פון פאַמיליע קיין שום ידיעה ניט געהאַט, און ביי׳ן צוזאַמען טרעפען זיך האָט דער פריהער אָבגערייזטער זיך ערקונדיגט וועגען דעם גורל פון די פאָטער, מוטער, פרויען און קינדער:

— „און מיין פרוי איז געבליבען מיט $1\frac{1}{2}$ רו"כ, 4 קינדערליך,

זאָלען געזונד זיין, ווילען עסען" — ענטפערט א יוד זיינעם לאַנדסמאַן וועלכער ערצעהלט, אז זיינע שווינגער עלטערען זענען איצט אָהן ארבייט און אַז זייער גאַנצער קאַפּיטאַל בעשטעהט פון 5 רו"כ. — אָבער ווען מיר וואָלטען געבליעבען, וואָלט נאָך ערגער געווען!" רופען זיך אן אַנדערע. א נערוועזע בעאונרוהיגונג האָט איבער אַלעמען געהערשט. די צייט פונ'ם אַבפאָהרען קיין האַמבורג רוקט זיך נעהנטער. פלוצלונג זענען אַלע הייליג בעגייסטערט געוואָרען. אַ גרופּע יונגע מענשען פאַנגט אן צו זינגען. פון אַלע ווינקעלעך האָבען זיך די יונגע לייט און די יונגע פריילין'ס געאיילט צו דעם אָרט, וואו עס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג. אַנ'ערך 60 מענשען, מענער און פרויען, האָבען שטאָליץ, מיט קלינגענדיגע טענער דאָס ליעד געזונגען. — דאָס איז געווען די מאַרסעליעזע — יעדער האָט עפּעס אנגעפאַנגען פרייער צו קוקען. די מידע, אויסגעמוטשעטע געזיכטער האָבען אויסגעדריקט האָפנונג. אַ הייליגע שטימונג האַט געהערשט ביי אַלעמען. ניט די פרעהליכקייט האָט דאָס ליעד ארויס גערופען — דאָס איז געווען דאָס פערלאַנגען פון די צוזאַמענגעטראָפענע חברים אָב צו געבען נאָך אַמאָל אַ שבח דער אידעע, פאַר וועלכע זיי האָבען געשטריטען און געליטען. דער הייליגער גייסט, וואָס איז געלעגען טיף פערגראָבען אונטער די וואַנדער קליידער, האָט זיך מיט אַמאָל ארויס געריסען פון געפענגענים כדי נאָך אַמאָל אַלעמען ברידערליך צו פעראייניגען, און מיט פעראייניגטע כחות אויס דריקען אַפּראָטעסט קעגען דער געגענוואַרט און האָפנונג אויף דער צוקונפט, ניט מיט ווערטער — נאָר מיט געזאַנג — הייליג זענען די מענשען אין אַזעלכע מאָמענטען!...

(ענדע קומט).

אַ. זאַקס.



יודען און קונסט.

(פון מיין נאָטיצבוך).

איינע פון די פראַגען וואָס אינטערעסירען מיך שטענדיג איז די יודישע קונסט. און ביי יעדער געלעגענהייט, יעדעס מאָל וואָס איך קום אין נעהענטערע שייכות צו קונסט און קינסטלער, טראַכט איך שטענדיג — מיט אַ וואָס פאַר אויג וואָלט אַ ניט־יוד דאָס אָדער יענעם קונסטווערק בעטראַכט. צו וואָלט ער דעמזעלבען איינדרוק בעקומען וואָס איך, צו וואָלט זיך אין זיין מח אַנדערע בילדער, אַנדערע געדאַנקען־פערבינדונגען אויסגעאַרבעט ווי ביי מיר. מיט אַנדערע ווערטער — איך טראַכט ביי יעדער געלעגענהייט איבער דער פראַגע — וואָס הייסט קונסט און ווי אַזוי פערשטעהט אַ יוד קונסטווערק?

* * *

ס'איז געווען שבועות. שיין און גרין. פרישעס לעבען, יונג און שטאַרק. און ווען שבועות איז שוין אין אַ פערוואָרפען, פער'חושכ'ט ליטוויש שטעדטיל — קענט איהר אייך אויסמאָלען, ווי שוין איז אין דער צייט אין פלאָרענץ. — איך בין דעמאָלס געוועזען אין איטאַליען — אין איינער פון די שענסטע שטעדט אין דער וועלט — אין פלאָרענץ. ס'איז געווען, שבועות און איך האָב עס ניט געוואוסט, איך האָב עס פערגעסען, איך האָב ניט געטראַכט דערפון — ס'איז מיר געווען אַלץ איינס. איך בין געווען אָבגעריסען פונ'ם יודענטום, אָבגעריסען ביז אין דאָס טיפסטע פון מיין נשמה אַריין. אַ וועלט פון שענקייט, פון ליכט. פון ווארעמקייט איז פאַר מיר געוועזען, אַ וועלט — וואָס לעבט און טראַכט אין בילדער, אין שטראַהלען פון זון, אינ'ם שפּיעל פון ליכט און שאָטען. איך בין פון אַ וועלט פון אידעען געקומען אין אַ וועלט פון בילדער, פון פאָרמען. איך האָב געוואוסט, אַז אין פלאָרענץ איז דאָ אַ יודישע שול. איך בין אפילו דאָרט פריהער אָפט געווען, — ווייל די שול האָט עפּיס אויך אַנ'אַנדערע וועלט אין זיך. אַז איך האָב געזעהן די יודען דאַווענען — געהערט די משונה קולות, די אויסשפּראַכע פונ'ם העברעאישען, אַזוי ווייך, קלינגענדיג, מוזיקאַליש — האָב איך געפיהלט אַז איך בין אין גאָר אַנ'אַנדער וועלט. איך האָב געפיהלט, אַז דאָס איז אויך אַ מין יודענטהום — עס איז מיר פרעמד, איך האָב עס ניט ליעב, עס איז מיר נאָך פרעמדער, ווי דאָס אַלטע, היימישע, אַלטגעבאַקענע — וואָס איך האָב געלאָזט אין דער היים. נאָר פון דעסטוועגען האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס יודענטהום, וואָס האָט אין זיך אַזוי פיעל פאָרמען, קען זיך ענדערן, אַנדערש ווערען, ווי דער הימעל, וואָס בייגט זיך איבער איהם. איך האָב מיך דערמאַנט אָן לאמבראזאס ווערטער, אַז „דאָס יודישע פאָלק איז ווי דער ים, ווי די פאַרב פונ'ם ים־וואַסער, אזוי איז זיין פאַרב, ווי די פאָרם פון דעם געוועקס וואָס ער הענגט זיך אָן צו איהם, אַזוי איז זיינע פאָרם". די ווענינג מאָל, וואָס איך בין געווען אין דער שול, האָב איך געהאט אַ טרויריג געפיהל פון פרעמדקייט צום גאַנצען יודענטהום — אַ פריידיגען איינדרוק פון פּאָעזיע.

און ווי געזאָגט — עס איז געווען אַ שענער שבועות־טאָג. איך בין געווען אין דער פריה אין מוזעאום, האָב צום וויפיעלטען מאָל געזעהען די אייגענע בילדער און יעדעס מאָל האָב איך נייע געפיהלען, נייע אידעען, קאָמבינאַציאָנען געדאַט. אַ מאָדערנער מענש לעבט אין אַלסדינג זיין אייגענע נשמה אריין — טרויריג, ווי זי איז, און פיעל־פאַרביג. — איך בין ארויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. אַ לאַרם, אַ געשריי. איטאַליענער רעדען — ניט מעהר. אַ איטאַליענער אַבער אַז ער צושמועסט זיך איז גענוג!

און פלוצים צווישען די מענשען מיט די רעמישע נעזער, מיט פנימ'ער — גלייך ווי זיי וואָלטען אַרויסגעגאַנגען פון די אַלטע רעמישע הייזער אין פּאמפּעי — האָב איך „איהם" דערזעהן. און איך האָב מיך דערפיהט. איהר מיינט אַז „ער" איז געווען מיינער אַ גוטער בעקאַנטער אָדער אַ פריינד, ניין — ס'איז געווען אַ פּשוט'ער גאַליציש'ער יוד — נאָר אַ יוד כדבעי. אָנגעטהון כלומר'שט אייראָפּעאיש, נאָר הינטער דעם ראַק קענט איהר געוויס אַ טלית־קטן דערזעהן — און ס'מאָלט זיך גרינג אויס ווי אַזוי אָט דער „אייראָפּעער" האָט אויסגעזעהן ערגיץ אין זיין שטעדטיל אין זיין זיידענער ראַזעווילקע און אינ'ם שטריימיל... איך האָב געוואוסט אַז ער איז אַ רייכער סוחר און פאָהרט אָפט געשעפטליך קיין איטאַליען... ער האָט מיך אויך דערזעהן. אפשר אין גאַליציען אָדער ערגיץ אַנדערש אין אַ יודיש אָרט וואָלטען מיר איינער דעם אַנדערען ניט דערקענט. מיר וואָלטען ניט געוואָלט קענען איינער דעם אַנדערן. וואָס דאַרפען מיר זיך האָבען? מיר זענען דאָך פרעמד אויף שטענדיג, אָדער ווי מ'פלעגט זאָגען: „קרעים שאינם מתאחדים לעולם" — אָבער דאָ אין אַ פרעמדער מדינה האָבען מיר זיך דערקענט. ביידע האָבען מיר געביינקט, איך נאָך עפּיס אַנדערש — ער נאָך גאָר פערשידענעס, אָבער בייענקענדע נשמות בענקען זיך. ער האָט זיך אַלאָז געגעבען צו מיר — אַ קליין, גראָב יודיל מיט אַ שוואַרץ בערדיל און קליינע, פערפעטעטע אייגליך און האָט מיר אויסגעשטרעקט מיט אַ האַרציגען שמייכיל אַ בריטען „שלום עליכם!" די ערשטע פאָר ווערטער זענען געווען פּשוט יודיש. עפּיס פרעמד איז ער מיר געוואָרען — דער קלאַנג פון דער מוטער־שפּראַך! ווי אַ דיסאָנאַנס האָט עס געקלונגען אין דעם קלינגענדען, שפּילענדען ארקעסטער פון דער איטאַליענישע שפּראַך. איך האָב איהם געוואָלט ענטווערען אויך יודיש — נאָר איך האָב געפיהלט, אַז די טענער קומען ארויס אַזוי משונה־דיג... מיין יוד האָט באַלד אָבער געפיהלט, אַז ער האָט זיך פערגעסען. ער האָט מיר געוואָלט ווייזען אַז ער איז אויך אַ „אינטעלעגענט" און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען „דייטש". אַז איך האָב געהערט דאָס ערשטע דייטשע וואָרט — האָב איך מיך דערשראָקען — אַזוי העסליך האָט געקלונגען די שענע דייטשע שפּראַך אין זיינע ליפּען. גראַד ווי ס'וואָלט אַ שאַרמאַנקע (אַ לייערקאַסטען) שפּיעלען אַ סאָנעטאַ פון בעטהאָווען. ער האָט מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון זיין היים. איך בין דאָרט אַ צייט געווען. אַ קליין שטעדטיל אין גאַליציען, וואו מיין ערשטע עטאַפּע איז געווען, אַלס איך האָב מיך געלאָזט אין דער וועלט. איך

האָב פריער צוגעהערט — אָבער איך האָב באַלד אויפגעהערט מיך צוצוהערען. ס'איז מיר געוואָרען אומעטיג. אַזוי לאַנג האָב איך שוין קיין יודען, קיין מענשען פון דער יודען־וועלט געזעהן און אַז מיר זענען צוזאַמענגעקומען — פיהל איך מיך ווילד־פרעמד. ער האָט מיך אָנגעהויבען אויסצופרעגען און זיינע שאלות זענען געווען אַזוי גראָב — אַז איך האָב ניט געקענט ענטווערען... אונזער שמועס האָט זיך ניט געקלעבט. שווייגענדיג און פערטראַכט זענען מיר געגאַנגען איינער נעבען דעם אַנדערען און יעדער פון אונז האָט זיך געטראַכט זיינע געדאַנקען. מיר זענען געגאַנגען אַם ברעג פונם אַ ר נ אָ. אַ שטי־לער טייך, אַ לייניגער. אַקוראַט ווי אַ מענש געהט ער זיך, עס זענען פאַרהאַן טעג וואָס ער איז גרוי, שמוטציג, זיינע וואַסערן זענען אומעטיג — זיי קומען פון די בערג. ווער ווייס וואָס פאַר טרויריגע סודות האָבען זיי דאָרט געהערט אין די העהלען און אין די שפיצען פון די שנעעבערג. און אַמאָל קומען זיי לעבעדיג, פריש, מונטער און זיי זענען בלוי, אַזוי ריין, דורכזיכטיג ווי עס האָבען געמוזט זיין די אויגען פון בעאַטריצען, וואָס האָט אמאל, פאר זיעבענהונדערט יאָהרען, שפאַ־צירט מיט ד א נ ט ע אויף דעם איינענעם אָרט, אָדער אַזוי לייכטענד ווי דאָס פנים פון לאַוראַ וועלכע פעטראַרקע האָט אַזוי שען בעזונ־גען... דער טאָג איז געווען שען — און שען איז געווען דער ארנא. מיר זענען ארויס פון דעם צענטרום פון דער שטאָדט. ווינציגע מענ־שען האָבען אונז בעגעגנעט. אמאָל א פאָר ענגלענדערינען, וואָס זוכען רוהע און שיינקייט אין די טאַילען פון טאָסקאַנא.

עס איז געווען שטיל. מיר ביידע זענען געגאַנגען און האָבען געטראַכט. איך האָב מיר דערמאַהנט אן אַ אלט איטאַליעניש ליעדעל פון פעטראַרקאַ און האָב עס שטיל מיר פאָרגעזאָגט:

„Ed i vo pusando, e nel peusen m'assale
tal grem vieta di me tesso“.

„און איך געה און טראַכט און אין מיטען טראַכטען קומט אויף מיר אַזאַ גרויס רחמנות אויף מיר אַליין"...

איך טהו אַ קוק אויף מיין יודיל. ער געהט פאמעליך, קוקט פאַר זיך און טראַכט. וואָס טראַכט ער? פון דער סחורה, וואָס ער דאַרף איינקויפען, פון דעם געלד וואָס ער וועט דאַביי פערדיענען? פון דעם יום־טוב אין דערהיים (ער האָט מיר דערצעהלט אַז היינט איז יום־טוב), פון מיר, וואָס ער קען ניט פערשטעהן צו וואָס איך לעב און וואָס איך טהו? אָדער אפשר טראַכט ער פון דעם לאַנד, פון דעם הימעל וואָס ער זעהט פאַר זיך? אפשר האָט אין זיין נשמה'לע, אין דעם פאַרדאַרטען הערציל אויך עפּיס אַ טאָן פון פאָעזיע דער־ציטערט, אַנ'אַלטע ערינערונג זיך אָבגערופען? ווער ווייס? איך האָב מיך דערמאַנט אין טאָלסטאָי'ס קונסט־טעאָריע. אפשר איז ער גע־רעכט, דער אלטער פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ. אַז נאָר יענע קונסט איז די אמת'דיגע, וואָס געפעלט אַ פראָסטען מענשען!... מיר זענען גע־גאַנגען ווייטער. דער וועג האָט געפיהרט אַרויף א בארג — צום בערגיל וואָס הייסט „S. Muriato" דאָרט איז א פלאַץ מיט ווילעס, עס איז די גאַס פון מיקעל־אַנדזשעלא (Viale de Miaedanglo) פון דעם בארג עפענט זיך א פאנאראמא אויף גאַנץ פלאָרענץ. מען זעהט די בערג און די טאָלען רינגס הערום. און אין מיטען הייזער, הויכע טורמען, גרינע גערטנער, מארמאָרנע סטאַטוען — און ווי א בלויער שארף וויקעלט זיי אלע איין דער בלויער טייך. אויף דעם בארג שטעהט א גרויסע סטאַטוע — דער בעריהמטער „דוד" פון מיקעל־אַנדזשעלא. א גרויסער, שענער, שטאַרקער, נאַקעטער יונגלינג שטעהט אויפ'ן פיעדעסטאַל און קוקט שטאָלץ אויף דער וועלט. אַזוי האָט מיקעל־אַנדזשעלא פאַרשטאַנען דעם טיפוס פון דוד. אַזוי האָט זיך די רענעסאַנס־צייט אויסגעמאָלט גבורה, פאָעזיע. איך בין געשטאַנען און האָב געטראַכט און האָב געקוקט, מיין יוד האָט אויך א קוק געטהון, „איהר ווייסט וואָס דאָס איז"? פרעג איך איהם. „ווייס איך, וואָס, עפּיס א נאַקעטער יונגערמאַן... וואָס „זיי" שטעלען אנידער אין דרויסען, משטיינס־געזאָגט! (ער האָט אַליץ נאָך גערעדט אויף „דייטש")—דאָס איז דוד המלך פון מיקעל־אַנדזשעלא, הויב איך אָן איהם צו ערקלערען. און וויל איהם דערצעהלען ווער מיקעל־אַנדזשעלא איז געווען, פאַר וואָס ער האָט אַזוי זיך אויסגעמאָלט די יודישע גבור־געשטאַלט. — אָבער מיין יוד לאָזט מיך ניט ענדיגען:

„ד אָ ס איז דוד המלך?" צובייזערט ער זיך שוין ניט אויף דייטש — אי, פע — ס'איז פשוט א בזיון, א חילול השם. מע נעמט א מלך און מע שטעלט אנידער נאַקעט. א חוצפה!

מיר זענען אנשוויגען געוואָרען און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען אראבצולאָזען פונ'ם בארג. — עס האָט מיר געפּיקט אין מח. גע־קערעוועט די נשמה! אפשר איז ער גערעכט, אָדער אפשר איז דאָס ניט זיין פערזענליכע מיינונג — אפשר איז אין זיינע ווערטער די פסיכאָלאָגיע פונ'ם גאנצען יודישען פאָלק בעהאלטען. אפשר הייסט דאָס קונסט־געפיהל ביי יודען? וואָס פאַר א קונסט קען יודען גע־פעהלען. איז זיי ליעב און היימיש? האָט א יוד בכלל א געפיהל פאַר קונסט, פאַר פאָרמען! „זיי" האָבען דאָס געפיהל. פראָסטע מענ־שען פון „זייערע" מאלען זיך די נרעסטע מענשליכע אידעאלען, די אידעאלען פון מוטערליעבע, פון וועלטשמערץ, פון א ליעבע צ־א וועלט וואָס וועט קומען און וואָס מע איז מקריב פאַר איהר, „זיי" מאָלען זיך עס אויס אין פארבען. און אז איהר זעהט בילדער אָדער סטאַטוען פון ב אָ ט י צ ע ל ל י, ראפאעל, קאררעדשיא, אָדער פון סעגאנטיני (אום צו קומען אויף די מאָדערנסטע) — פיהלט איהר אז דאָס האָט א איטאַליענער געמאָלט. און אז איהר זעהט א בילד פון קראַ־נאך אָדער פון בעקלין — זעהט איהר די פערקערפערונג פונ'ם דייטשען גייסט — און וו א ס נ ע צ אָ וו און ר ע פ י ן מאָלען די רוסישע נשמה. דאָס וואָס טויזענדער, מיליאָנען מענשען, א וועלט פון דורות האָבען דונקעל געפיהלט, דאָס וואָס ביי זיי איז געווען א חלום אָהן פאָרמען, „א מעלאָדיע אָהן ווערטער" — האָבען זיי, די גרויסע קינסטלער לעבעדיג געמאכט? ווער האָט אונזער נשמה געמאָלט? האָבען מיר דען ניט קיין חלומות, קיין טיעפע, דונקעלע אידעאלען, וואָס מיר קענען זיי ניט אַרויסרעדען? אפשר ניט. ביז אַהער האָט אונזער קולטור־לעבען אונז בעוויזען, אַז מיר זענען ניט קיין קינסטלער־נאַטורען. ענטווערט מיר ניט דעם אַלטען תירוץ, אַז מיר האָבען ניט געקענט, מיר האָבען ניט געטאָרט! עס איז דאָ אַ לאַטייניש וואָרט: טרייב די נאַטור מיט דריקעס, זי וועט צוריק אַריין — — — ווען מיר וואָלטען געווען קונסט־מענשען וואָלטען מיר פערשטאַנען פון אונזער־ע איינענע אידעען אַרויסשעפען און בילדען. פונ'ם דונקעלן קאַטהאלי־ציזמוס איז די רענעסאַנס אַרויסגעקומען, איז לעאָנאַרדא־דע־ווינטשי געוואָרען, — פאַר וואָס ביי אונז נישט?

אָדער אפשר האָט ער רעכט, דער קליינער, גראָבער יוד מיט די פערפעטעטע אויגליך? אפשר איז די קונסט פון „זיי" אונז אַזוי פרעמד, ווייל מיר האָבען אַנ'אַנדער פסיכיקע און מיר פערלאַנגען אויך אַנדערע פאָרמען?... עס קען זיין. אַ געדאַנק איז מיר געקומען, אַז דער אימפּרעסיאָניזמוס, די קונסט פונ'ם קאָפ, ניט פונ'ם האַרצען, פון אידעען, ניט פון פאָרמען, איז אַ יודישע קונסט... איך האָב מיך דערמאַנט אָן נעהמען, ווי מאַקס ליבערמאַן, לעסער אורי, לעוויטאַן א. ז. וו.

* *
*

דאָס אַלטע פראָבלעם פון דער יודישער קונסט האָט אָנגעהויבען מיך צו מוטשען. איך האָב געוואָלט וויסען דעם סוד פון איהר, דעם „סוד היצירה"...

„לעבען זי וואָהל, איך רייזע מאָרגען אָב, עס האָט מיך גע־פרייט זי צו זעהן"... הער איך פלוצים פאַ' מיינע אויערן. איך האָב מיך דערשראָקען. אַלע געדאַנקען זענען מיט אַמאָל פערשוואונדען— נאָר מיין קליין יודיל איז געשטאַנען פאַר זיין האָטעל און האָט זיך מיט מיר אויף „דייטש" געזעגנט... ער האָט שוין לאַנג פערגעסען אָן מיקעל־אנדזשעלא. „גוטען טאַג, גוטען טאַג, איך עמפּפעלע מיך" האָב איך גיך אַרויסגעזאָגט און האָב מיך געפרייט אַז איך בין איהם פטור געוואָרען. און מיר זענען זיך צוגאַנגען — ער צו זיינע גע־שעפטען, איך צו מיינע חלומות.

וויען, א. קאַראַלניק.

דער יודישער מזל.

פון

יעקב וואססערמאן (וויען).

(ענדע).

נו, ווי איז דאָס יודישע פאָלק אַרויס פֿין די אַלע צרות? און וואָס טראַכט עס ערשטענס צו זיין אייראָפּעאישע פערגאַנגענהייט און צווייטענס, צו זיין אַזיאַטישער פערגאַנגענהייט? יענע איז פֿול שאַנד, עלענד, נידרינקייט, פינסטערניש און די, די אַזיאַטישע, בעריידט גבורה, כבוד, רוהם און גרויסע מעשים. דער היינטיגער יוד וואָלט בעדאַרפט יענע זיך ארויסצושלאָגען אויס׳ן קאָפּ און אין דער דאָזיגער זיך האַלטען. ער מוז נישט פערלייקענען די צייכענס פון די שלעג, וואָס ער האָט בעקומען, זיי קען מען נישט אָבטיילען פון זיין נאָמען, אָבער ער זאָל אויך נישט פערגעסען די קרוין, וואָס האָט אַמאָל געלייגט אויף זיין קאָפּ. ווי ווייט דאָס וועט איהם גראָטען אין אויב דאָס וועט איהם פיהרען צום הארמאָנישען מענשענטום, דאָס ווענדט זיך אין זיין פערזענליכקייט פון דער שטאַרקייט, וואָס ער וועזט ביי זיין ווילען צו די צוקונפט. אין דעם ווענדט זיך אויך זיין ראָלע אינ׳ם שטאַט און אין דער געזעלשאַפט.

מיין מיינונג איז, אַז דאָס וואָס מען רופט „יודענפראַגע" איז פאַר׳ן היינטיגען יוד נישט אַנדערש צו פערענטפערן נור מיט זעלבסטבעוואוסט־זיין און מיט דערוועקונג פון דעם גרויסקייט פון די אַלטע צייטען.

איך וויל נישט רעדען פון „נאַציאָנאַליטעט", דאָס לערנט נור אַזוי איינער אוים דעם אַנדערן נאָכזאָגען; אפילו דער בעגריף פון ראַסע איז נור אַזא אָבגעשמועסטע זאך, — דאָס האָט נישט קיין גרענעץ.

אָבער דער יודישער מענש, אַלס ספעציאַליטעט עקסיסטירט אויף דער וועלט און דאס האָט מען צו פערדאנקען דער קאַטוילישער קירכע, דער אייראָפּייאישער פינסטערניש און נאך.

לאָמיר אָננעמען, אַז די עמאַנציפּאַציאָן, די בעפרייאונג פון די מענשען, האָט געבריינגט אַ נייע גוטע צייט; אָבער פאַר די אָרימע ובפרט פאַר דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט דאס עלענדסטע און בעיאָמערענסווערטעסטע, איז דאָך דאָס געווען נור נעפלוידערט. זי האָט געשאַפען איין אייגענעם טיפּוס פון יודען, וואָס איז נישט תמיד צום גוטען. מען וויל אין איין אָטעם אַלדינג וואָס איז געוועזען, אראָבוואַרפען פון זיך און זיך אנפולען מיט א׳צט׳גען. פון דעם קומט נור אַרויס נערוויש, צעררודערטקייט, צעריסענ־הייט. מען שרייט דאָרט, וואו עס וואָלט ניצליכער געווען דאָס שווייגען. דער יוד שטיפּט זיך צופיעל אומעטום — קען מען איהם נישט ליידען. די פרייד איבער דעם נצחון לאָזט דעם יוד פערגעסען, אַז טראָץ די רעכטע, וואָס ער האָט בעקומען, ווערט ער נור גערולטעט. דאָס איז צו וויינינג, יודען! — דאָס וואָס דער יוד נייגט נור בעשטענדיג צו גייסטיגען לעבען, מאַכט פערגעסען, אַז דער קערפּער האָט נאָך געהאַט צו וויינינג זונענליכט און די נשמה צו וויינינג מנוחה. אַזוי ווערען די יודישע כוחות אויסגעשעפּט. אַז דער פּלאַם צעברענט זיך צו שטאַרק אויף איינמאָל, ברענט ער זיך באַלד אויס.

און די קאַפּריצען. אין איין טייל פון די יודען הערשט נאָך דער גייסט פון איין אנשלאָפענעם קנעכט. מען וואָלט געקאָנט זאָגען: די צייכענס פון די קייטען זעהט מען זיי נאָך אפילו אן, אָדער זיי פיהלען נאָך אינעוויינינג די שלעג. עס דאַכט זיך, א דעמאָן האָט זייער וועזען פאַרוואונדעט און פאַרסמ׳ט; דערזעלבער דעמאָן נויט זיי צו טהון, וואָס פיר זיי טויג נישט; זיי ווייזען זיך פאַר עפּיס, וואָס זיי זיינען נישט און וואָס זיי בעמיהען זיך קיינמאָל ניט צו זיין, דאָס איז — פרייע מענשען. דורך דעם מאַכען זיי זיך לעכערליך און רייצען אויף זיך די וועלט. זיי זיינען אָדער צו גרויסע עזות־פּנימע׳ר און מיינען, אַז קיינער איז צו זיי נישט גלייך אָדער זיי זיינען שפּל ביי זיך און וואָלטען זיך אַליין געשמיסען. אַלע יודישע מעלות זיינען ביי זיי עברות געוואָרען, און די עברות זענען זעהר שאַרף. דער אמת׳ער יוד האָט אין איידעל געפיהל און האַלט זיך צוריק פון אַלעס, און זיי, די כלומרשט אויפגעקלערטע, זיינען פרעך און שטופּען זיך, וואו מען ברויכט זיי נישט. דער אמת׳ער יוד איז שטאָלץ און שעמעוודיג און זיי זיינען קנעכטיש און אָהן בושה. ביי זיי איז געוואָרען חריפות צו חכמה׳לעך. זיי זענען שוואַכע מענשעלעך, די וואָס מאַכען זיך אַזוי שטאַרק. דאָס זיינען די יודען, וואָס, אַז זיי דערזעהען אַ „דייטש", פאַרדרעהען זיי די אויגען און בלייבען שטעהן ווי אנגעקאָוועט. ביי זיי טרעפט מען די גרעסטע שונאים פי׳נ׳ם יודישקייט, וואָרען זייער נאַכלויפען דעם כבוד טרייבט זיי אויף אַ וועג, וואָס דאָס יודישקייט שטערט זיי. דורך זיי ליידט דער אמת׳ער יוד אָהן אַ שיעור, אַזוי ווי איינער ליידט פון אַ ברודער, וואָס יעדער האָט איהם פיינד דורך זיינע בייזע מעשים און ער מיינט, אַז ער טהוט אַזוי גוט, אַז יעדער מעג זיך ביי איהם לערנען און איהם מקנא זיין. זיי זענען דער פּסולת פו׳נ׳ם פאָלק. זיי זיינען פושעים, זיי פערלייקענען די נשמה, די אידעע. זייער נשמה איז נישט גערייניגט געוואָרען דורך די צרות פין די זיידעס, נאר שמוציג געוואָרען. זיי זענען אם מייסטען דערווייטערט געוואָרען פון דער געשיכטע, פון די מלחמות און פון די האָפנונגען, וואָס דאס יודענטהום האָט געהאַט און צום סוף קומט דווקא פין זיי אַרויס די גאַנצע שנאה צו יודען אויף דער וועלט, ווייל די וועלט קען נישט מעהר פון יודען נאר זיי. עס איז תמיד אַזוי; אַ פלעק אויף אַ טייער קלייד ציהט מעהר אויף זיך די אויגען, ווי דאָס קלייד אַליין.

זיך צו פיהלען פרעמד צווישען פרעמדע אין א פרעמד לאַנד האָט דער יוד, וואָס קען זיך אַליין, קיין מאָל נישט פערגעסען. וואָרען פון ליעבע איז איהם גאָר נישט הערויסגעקומען. ער האָט קיינמאָל נישט געטאָרט אויסווייזען, אַז ער האָט אַ רעכט אויף זיין בעזיץ. אָבער דורכדעם טאַקי האָט ער אינעווייניג פערבאָרגען, געליעבט דאס לאַנד און די געגענד, וואו ער וואָהנט. עס זענען געווען יודען, וואָס אויס בושה איבער אזא פערבאָרגענע ליעבע זענען זיי אין זייער געפיהל־שגעון געוואָרען ליגנערס, זיי האָבען פערלייקענט זייער געפיהל. איך מיין, אַז היינריך היינע האָט עפּיס פון דעם געהאַט.

פון פיעל זייטען שרייט מען צו די יודען: פערמישט אייך! הערט אויף צו זיין יודען! פעראייניגט אייך מיט די פעלקער, וואָס איהר וואָהנט ביי זיי. אָבער ווי אַזוי שטעלען זיך די לייט דאָס פאָר! ווי אַזוי דענקען זיי זיך דעם פּראָצעס פון דער פערמישונג? עס טרעפט זיך אפילו אָפט, אַז אַ יוד שמד׳ט זיך, אָבער דאס טהוען נור די ערגסטע יודען. אַז מען וויל זיך פערמישען מיט איין אַנדער פאָלק מוז מען זיך דאָך טויפען, וואָרען אַז נישט, וועט דאָך עס גאָר נישט העלפען. נו זאָל די נייע צוקונפט באַלד אָנהייבען מיט א ליגענד, מיט א שווינדעל? זאָל דער איידלער יוד זיך אַזוי פיעל אינעווייניג דערנידריגען, כדי ער זאָל אויסענווייניג פריי ווערען און אין דער געזעלשאַפט זאָל מען זיך צו איהם נישט טשעפּען? דער אָבגעשינדענער אייזעל ווערט נישט געהיילט, אַז מען מאַכט איהם צו אויהרען מיט אַ שוואַנץ פון פּאַפּיער. ער ווערט דאדורך נור לעכערליך.

אַזוי לעבט דער יוד אין אַ משונה׳דיגער אבגעזונדערהייט. ער איז נישט אַזוי אַ ל י י ן, ווי ב ע ז ו נ ד ע ר. דער קאָסמאָפּאָליטיסמוס פי׳נ׳ם היינטיגען מאָדערנעם יוד איז אַ פּראָדוקט פון די אבגעזונדערטהייט, דאס וואָס ער איז זיך אַזוי מוסר נפש פאַר די פאַמיליע איז א שוצמיטעל געגען דעם. ער זוכט איין אנהאַלטעניש אין דעם גייסטיגען לעבען און אין דער קונסט. זיינע אונרוהיגע חושים זענען פרוכטבאר און ערקענען אַלע נייעס׳ען, אַלע גרויסע זאַכען. און ער אָפּפערט זיך אויף, צו געהן דאס אויסרופען און צו געבען וויסען דער וועלט. דער יוד זוכט זיך זיין כבוד און זיין רוהם אין דעם, וואָס ער פערגעסט אן זיך אַליין איבער אַ גרויסע זאַך.

מען האָט אָפט געזאָגט, אַז די קראַפט פון דער יודישען נאַטור ליעגט אין איהר פעהיגקייט צו פערענדערען זיך און זיך צוצופּאַסען צו אַלע צייטען און צו אַלע לענדער. איך זעה אָבער אין דעם נישט קיין סוד און נישט קיין קראַפט. דאס איז נישט מעהר ווי אונטער־געבונדענע קולטור, דערשטיקטע ענטוויקלונג, וואָס מען לאָזט זי אַמאָל נאָך, ווייסט זי שוין דאן קיין שיעור און קיין גרענעץ נישט און ענט־וויקעלט זיך מיט שטורם. די כוחות, וואָס זענען געווען איינגעפּרעסט

אין ענגען רוים האָבען די מאַכט פֿון דער זעעל, וואָס אַמאָל מעהר דערשטיקט און די גייסטיגע אָרדנונג צעשטערט, אַזוי אַז היינט זיינען די בעסטע יודען נור „שטימונגס־מענשען“, דאָס הייסט מענשען וואָס זייער נשמה לייכט נישט, נור שימערט ווי פֿאָספֿאָר. אז מיר זעהען ווי אין די זעכציגער יאָהרען האָט זיך פֿיליפּ מאַינלענדער, וואָס האָט געשריבען די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער אויסלייזונג און שפּעטער אָטאָ וויינינגער, אליין דעם טויט געמאַכט, קענען מיר דערפֿון אבלערנען אין אַ וואָס פֿאַר נעגאַטיווויטעט פֿיל מיט יאָמער, אין וואָס פֿאַר אַ פֿערצווייפֿלונג אָהן אַ גרענעץ דער יוד פֿאַלט אריין, ווען ער פֿאַלט פֿון דער פֿולער העכסטער ערקענטניס פֿונ׳ם יודישקייט אין דעם אָבגרונד פֿון זיין אייגענעם ווען. זיי לאָזען זיך נישט בעגנינען מיט דעם געדאַנקען פֿון זיינעט וועגען, מיט דעם חלום אַלס חלום, נור זיי טראַכטען איהם צושטאַנד צו בריינגען אין דער אויסענווענינסטער וועלט. וואָס גרעסער די אידעע איז, אַלץ טיעפֿער איז שפּעטער דער אבגרונד, וואָס זיי פֿאַלען אין איהם אריין. אונבעגרייפֿליכער מאַטעריאַליסמוס איז ביי זיי אין דער גרענעץ פֿון פֿילאָזאָפֿישען אידעאַליטעט; אָט דאָס זענען די צוויי זאַכען, וואָס זיינען זיך סותר אין דער קראַנקער יודישער נאַטור.

אַז מען וועט אָבער פֿון דעם ווען אבלערנען, אַז די לעבענסזאַפט פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק איז שוין אויסגעטריקענט, האָט מען אַ טעות. מיר שעפּען פֿון אַ טיעפֿען ברונען און אויב די קייטען פֿונ׳ם ברונען זיינען שוין פֿערזשאַווערט און די עמער איז שוין געלעכערט, וועט זיך עס לאָזען אויסבעסערן, עס זיינען למשל נאָך היינט פֿאַרהאַן אין רוסלאַנד יודישע פֿרויען און מיידליך. וואָס עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט דאָ זייערס גלייכען אין פֿיינהייט, בריה׳שקייט, ערנסטער לעבענספֿיהרונג און אמת׳ער פֿרומינקייט. זיי האָבען אין אויג תמיד דאָס בעוואוסט זיין פֿון אַ גרויסע פֿערגאַנגענהייט. און פֿאַר דער איידעלקייט, וואָס איז אנגעשריבען אויף זייער שטערן, וואָלט געמוזט דער שטאָלץ פֿון די עלטסטע משפּחות אין אייראָפּאַ בלאַס ווערען. אפשר האָט ניצשע אויך זיי אין זינען געהאַט ווען ער האָט אויפֿגעשריעבען זיינע אינשטערבליכע ווערטער איבער דעם מאָדערנעם יורענטהום.

עס איז נישט קיין יושר אָבצומעסטען דעם כח פֿון אַ פֿאָלק נאָך זיינע שוועכלינגע, זיינע מדות נאָך זיינע בעלי־עב־ות, זיין רעליגאָן נאָך זיינע אבטריניגע און זיין קונסט נאָך זיינע פֿיליסטער; גענען די יודען פֿלעגט מען זיך תמיד אזוי נוהג צו זיין. איז דער קריסט געווען נישט פֿעהיג און אהן טאַלענט, האָט מען די פֿעהיגקייט אין דאָס טאַלענט פֿין די יודען מיט רשעות מבזה געווען. אויב עס וועט אמאָל אויפֿשטעהן פֿאַר יודען אַ מליץ־יושר וועט ער האָבען מאַטעריאַל אָהן אַ שיעור.

אָבער צו וואָס ברויכט מען אַ מליץ יושר. אז די יודען וועלען שכל האָבען וועלען זיי זייערע אינעווענינגסטע כוחות נישט פֿערברייגען אומזיסט אין אַ קאַמפּ, וואָס ניצט גאָר נישט, ווייל ער קאַן נישט האָבען קיין לעבעדיגע ווירקונג. דער יוד פֿערגעסט, אַז דאָס פֿאַטערלאַנד האַלט איהם נישט פֿאַר ווערט, איהם איבערצוגעבען אלע עמטער און ווען ער קאַן נישט ווערען אַ דייטש אָדער אַ רוס אין דעם פֿולען זין, זאָל ער דעריבער ווער־ען מעהר מענש. דאָס איז אַ ציעל, וואָס איז ווערט דערפֿאַר צו ליידען, אַלץ וואָס ער ליידט צאָהלט זיך אויס. עס וועט אפֿשר אַמאָל אויפֿשטעהן אַ זשעניע אויס׳ן יודישען בלוט, אמאַן פֿון די טיעפֿסטע ערפֿאַהרונגען פֿון די ליידען, וואָס האָט אַם מייסטען געלערנט פֿון די יודישע צרות און האָט דאָס שטאָלצעסטע בעוואוסטזיין פֿון זיין איידעלקייט; אָט ער וועט זיין די גרעסטע נקמה פֿאַר די יודען, דען די גאַנצע מענשהייט וועט צו איהם בעדאַרפֿען און וועט מיט בושה אננעמען, דאָס וואָס ער וועט זיי געבען.



ביבליאָגראַפיע.

די אלגעמיינע יודישע ענציקלאָפּעדיע.

1־טע, צווייטע, דריטע העפֿט. בוכפֿערלאַג „ליכט“ ס״ט פּעטערסבורג.

יעדער האָט זיך זיין יום טוב. ביי דער רעדאַקציע פֿון „הצפה“ איז אַ יום טיב, אַז ביאַליק שרייבט אָן אַ שיר, ביי מיר איז אַ יום־טוב, אַז איך האָב בעקומען די ערשטע דריי העפֿט פֿון דער יודישער ענציקלאָפּעדיע. וועלכער יום טוב איז גרעסער וויל איך דאָ ניט זאָגען, יעדערער האָט זיך זיין געשמאַק; מיין זיידע, למשל, האָט זעהר ליעב געהאַט יום כפּור מיט די לאַנגע יוצרות, און איך, זיין אייניקעל, האָב ליעב גראָד דעם פֿריילכען אָריגינעלען יום טוב פּורים. ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז ליעבער האָבענדיג דעם יום טוב פּורים אַלס יום כפּור, איז ביי מיר אויך יעצט מעהר יו״ט די יודישע ענציקלאָפּעדיע, אַלס ביאַליק׳ס שיר, וועלכען איך ווייס ווי צו שעצען, ווייס אָבער אויך, אַז עס וועלען איהם דורכלעזען נאָר איינינע ישיבה בחורים און וועלען זיך נאָר קוויקען מיט דעם „לשון“...

איך האָף אָבער, אַז די יודישע ענציקלאָפּעדיע וועט אויך בעטראַכט ווערען אַלס יום טוב ביי דאָס גרעסטע טהייל פֿון דאָס יודישע פֿאָלק. שאַדע נאָר, וואָס אונזערע העבראַאישע בלעטער, וואָס האָבען ניט אויפֿגעהערט צו פּויקען וועגען די ענציקלאָפּעדיען, וואָס האָבען כלומר־שט געזאָלט ערשיינען אין העבראַיש, האָבען אַפילו ניט דערמאַנט, אַז די יודישע געהט שוין אַרויס.

איך זאָג שאַדע, אָבער איך וואונדער זיך ניט. עס איז זעהר שווער צו פֿאָדערען פֿון אַ מענטשען, ער זאָל מיט זיין אייגענער האַנד אונטער שרייבען זיין אורטהייל...

אַ וואונדער נאָר איז אויף די יודישע צייטונגען. זיי, וואָס שרייען, אַז זיי אַרבייטען כלומרשט פֿאַר׳ן פֿאָלק, ווי אַזוי האָבען זיי פֿערשוויגען אַזאַ פֿיעל בעדייטענדע ערשיינונג אין דער יודישער ליטעראַטור? אמת, „די יודישע פֿאָלקסצייטונג“ האָט עפּיס יאָ דערמאַנט. דעם העהרען לעקטאָר האָט קענטיג שטאַרק פֿערדראָסען, וואָס אין יודישען וועט גיכער זיין די ענציקלאפּעדיע און פֿער פֿערדרוס האָט ער זיך געסטאַרעט חזק צו מאַכען אַ ביסעל פֿון איהר און צוצעפּענדיג זיך צו עפּיס אַ וואָרט האָט ער אַזוי געלאַכט, סצירענדיג מיט די ציינער, אַז אנשטאָט זיינע בטלנישע הלצות זאָלען אַרויסרופֿען אַ שמייכעל, האָט עס אַרויף געפֿיהרט אויף זעהר טרויריגע געדאַנקען: וואו זענען אונזערע פֿריינד, און וואָס מיינען אונזערע פֿריינד?...

וואָס אַנבעלאַנגט אונז, קענען מיר נאָר לויבען, און עס וואָלט געווען אַ גרויסע זינד אַזאַ ריזיגע אַרבייט ניט צו לויבען, אַזאַ זינד קען זיך נאָר ערלויבען די העברעאישע פּרעסע. די ערשטע דריי העפֿט, וועלכע האָבען נאָך אַלס ניט געענדיגט דעם בוכשטאַב אַלף, ציינען אונז שוין וואָס די יודישע ענציקלאָפּעדיע וועט געבען דעם יודישען פֿאָלק.

ווי אַזוי וועט דאָס יודישע פֿאָלק זיך בעציהען צו אַזאַ וויכטיגער אַרבייט, קענען מיר פֿאָראויס ניט זאָגען, עס ווילט זיך דאָך אָבער אונז גלויבען, אַז דאָס יודישע פֿאָלק איז נאָך ניט אַזוי ווייט פֿערפֿיהרט געוואָרען פֿון איהרע „מאשרים“ און זי וועט וויסען איהרע פֿליכטען וואָס זי האָט. ניט שוין דען וועט ביי אונז יעדע ווירקליך־ניצליכע, ערהאבענע ריינע אַרבייט, ציגרונד געהן, לאָזענדיג איין אָרט און כחות פֿאַר אַרבייט, וואָס פֿיהרען צום אונגליק, צו אַלטקייט און טויט?

ניין, מיר ווילען עס ניט גלויבען!

בן־קלמן.



העברעאישע פובליציסטען.

ווי איינער, וואָס האָט אָנגעזעהען אַ וועלט, געוועזען אין ווארשא (ניט אויף פֿראַנציסקאַנער גאַס), בערלין, אין לאָנדאָן (ניט אויף ווייטשאַפּעל) און קומט נאַכהער צוריק אין אַ קליין ליטוויש שטעדטיל, אויף׳ן שולהויף, ערגיץ נעבען אַלטען אָדער נייעם בית־מדרש: וואַרפֿט זיך איהם אַלץ אין די אויגען: די בלאָטע, דער דלות און די אונריינקייט — אזא געפֿיהל בע־קומט אַ מענש, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געלעזען אייראָפּעאישע, קולטו־רעלע צייטונגען, אָבגעאַטהעמט מיט די לופֿט פֿון ריינער וויסענשאַפֿט, און קומט נאָכהער אויף אונזער ליטעראַרישען שוהל־הויף, אין די העברעאישע צייטונגען. עס ליעגט פֿאַר מיר דער „הזמן“, נומער 22. איך לעז אַן „ארטיקעל“: „פשט“, וועלכער ציהט זיך שוין אין דריטען נומער און איז אונטערגעשריבען מיט דעם נאָמען פֿון דעם בעריהמטען הלל מיט אַ צונאָמען צייטלין. און איך ווייס אַליין ניט וואָס צו בעוואונדערען: זיין אונוויסענשאַפֿט, אָדער זיין מוט צו שרייבען איבער זאַכען, וואָס ער האָט קיין בעגריעף ניט. מיר וועלען זיך ניט אָבשטעלען אויף די שטות׳עריען, וועלכע עס איז איהם געלונגען אַריינפּאַקען אין אַ יין עמוד. מיר וועלען נור אָנריהרען צוויי פונק־טען. אַ קאָנסטיטוציאָן — מיינט הלל צייטלין — ניט אידען גאָר נישט. ודהא ראיה: גאַליציען. ווען ער וואָלט געוועזען אין גאַליציען האָט׳ש אַ קליינע צייט, אָדער ווען ער וואָלט געלעזען וועגען גאַליציען האָט׳ש עטוואָס, וואָלט ער וויסען, אַז אין גאַליציען עקזיסטירט ניט די קאָנסטיטוציאָן פֿאַר אָרימע אידען, אַזוי ווי זי עקזיסטירט ניט פֿאַר אָרימע קריסטען. פֿאַר רייכע אידען אָבער איז אין גאַליציען אַ גן׳עדן: אידען מעגען קויפֿען ערד און אַ ריעזיגע טהייל גרויסע ערד־בעזיצער זיינען אידען; אידען (נאַ־טירליך, רייכע) מעגען און ז י י נ ע ן אָפּיצירען און פֿערשיעדענע בעאַמטע; אידען האָבען וואַהל רעכט און שפּיעלען ביי וואַהלען אַ גרויסע (ליידער אַ צו גרויסע) ראָליע. אַזוי זעהט אויך די ראיה, אַז „די אַלע רעכטען זיינען נור אויף׳ן פּאַפּיר“.

נאָכדעם געפֿינען מיר אין דעם זעלבען אַרטיקעל אַ פֿרישען „לדעתי“, אַז „אויך די פֿיערטע קלאַסע וועט מאַכען אַנ׳אונטערשיעד צווישען אַיין פֿאָלק און דעם צווייטען, ווי די דריטע קלאַס טהוט עס, און זי וועט שרייבען אין איהרע געזעטצען "אויסער אידען", ווי די דריטע קלאַס שרייבט“. מיר פֿרעגען ווידער, צו ווייס וויינינסטען הלל צייטלין ווארום די דריטע קלאַס, „די מפלגה הבינונית“ שרייבט: אויסער אידען? — ווייל דאן וואָלט ער וויסען, אַז די פֿיערטע קלאַס וועט טאַקי דעריבער דאס ניט קענען שרייבען. צו ווייס ער, אַז אין קראקוי האָט די קריסטליכע פֿיערטע קלאַס צובראָכען די מאַכט פֿון דעם אַנטיסעמיטיזמוס און געמאַכט פֿון איהם אַ תל? און אין ה׳יען, וואו דער אַנטיסעמיטיזמוס איז אַ ריעזיגע קראַפֿט, קעמפּפֿט מיט איהם ניט דער ציוניזמוס און ניט די ציוניסטען, נור די קריסטליכע פֿיערטע קלאַס, קעמפּפֿט און האָט אַלע שאַנסען צו זיעגען? זעהט איהר ר׳ הלל! אומזיסט טראָגט איהר דעם נאָמען פֿון דעם גרויסען עניו, ער וואָלט געוויס ניט געשריבען וועגען אַ זאַך, וואָס ער האָט ניט געוואוסט.

בן מיכל.



ליטעראַטור און קונסט.

די דראַממע פֿון הערמאַן הייערמאַנס „גהעטטא“, איז אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען דעם פֿאָריגען שבת, לויט ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען, אויף דער קראָקעווער יודישער ביהנע. אויב דער מאַטעריעלער ערפֿאָלג איז ניט געווען בעזונדערס גרויס, ווייל די קראָקעווער יודען האָבען מיט׳ן שכל פֿערשטאַנען אַז אין גהעטא הייערמאַנס וועלען ניט פֿאָרקומען קיין טענץ אין קופּלעטען, אָהן וואָס זיי קענען זיך ניט בעגעהן, — איז אָבער דער מאָראַלישער ערפאלג געווען אונגעהייער גרויס. דאָס קליינע אינטעלעגענטע פובליקום וואָס האָט דאָס טהעאַטער בעזוכט, האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט, אַז אין יודישען טהעאַטער און איבערהויפּט, ניט קיין פּראָפֿעסיאָנאַלע, נאָר שוישפּילער־ליעבהאָבער, זאָלען אַזוי טאַלאַנטפֿאָלל שפּיעלען אַזאַ שווערע שטיק.

בעזאָנדערס האָט זיך אויסגעצייכענט ה׳ געבירטיג, וועלכער האָט געשפּיעלט דעם בלינדען זאכעל און האָט קינסטלעריש איבערגעגעבען אַלע קנייטשען פֿון דעם דאָזיגען בלינדענס טיעף זעהענדע נשמה. אַזוי אַז עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס שפּיעלט נאָר אַ ליעבהאָבער פֿון דער יודישער ביהנע און ניט קיין בעריהמטער ארטיסט.

דער מאָראַלישער ערפאלג האָט געגעבען מוטה די בעגאבטע שוי־שפּילער פֿון פֿאָלק, וועגען וועלכע מיר וועלען נאָך אויספֿיהרליך ריידען, צו פֿאַרבערייטען נאָך פֿיעלע שטיק, אָריגינעלע און איבערזעצטע, און אויף אַזאַ אופֿן צו קעמפּפֿען מיט דער טראַדיציע פֿון דעם יודישען טעאַטער און ביסליכווייז צו בעזיגען.

Verantwortlicher Redacteur M. Fischer, Herausgeber A. Reisen. — Druck von Josef Fischer. Krakau.



עס ווערען אנגענומען אבאנענטען פיר יאהר 1905 אויף

דאס

יודישע ווארט.

בעטראכטענדיג די שפראך, וועלכע דאס יודישע פאלק רעדט שון זייט הונדערטער יאהרען, אלס א טאג-שפראך, האבען די ביזהעריגע הערויסגעבער פון יודישע צייטשריפטען געקוקט אויף איהר ליטעראטור, ווי נאר אויף א מיטטעל צו מאנכע צוועקען, העכטענס צו אויפהייבען דורך איהר די מאססע צו א געוויססער שטופע פון בילדונג מיט דעם געדאנק, אז ווען די מאססע וועט שוין עררייכען די געווינשטע שטופע, זאל זי איהר וייטערע ענטוויקלונג און בילדונג זוכען אין איין אנדערער, פרעמדער שפראך און ליטעראטור. די יודישע ליטעראטור אלס ציעל אן און פיר זיך, האבען די דאזיגע הערויסגעבער קיינמאל ניט בעטראכט. ניט דא איז דאס ארט צו ערקלערען די אורזאכען פון אזא אונבעגרינדליכער בעטראכטונג. מיר ווילען נאר זאגען, אז מיט אזא מין בליק, האבען די הערויסגעבער פון די יודישע צייטשריפטען קיין ליטעראטור אין פוללען זיננען פונ׳ם ווארט ניט געקענט און ניט געוואלט שאפען.

דאס יודישע ווארט

איז די ערשטע צייטשריפט, וואס זאגט ארויס אפען איהר פעסטע איבערצייגונג, אז די שפראך, וואס האט געהייסען ביי די פריהערדיגע און ביי מאנכע יעצטיגע הערויסגעבער ז׳שארגאן, — זי איז די יודישע **נאציאנאלע שפראך** און איהר ליטעראטור בעטראכט זי ניט אלס מיטטעל, נאר אלס ציעל אן און פיר זיך.

מיט אזא מיינונג, וואס איז דורכגעפיהלט און אויפריכטיג, אהן קיין שום וואקלערייען, וועט „דאס יודישע ווארט" קענען זיין דרייסט, שיין, עהרליך און ערנסט, אהן וואס א ליטעראטור קען קיין קיום ניט האבען.

בעטראכענדיג **די יודישע שפראך אלס נאציאנאל־שפראך**, וועט **„דאס ודישע ווארט"** זיין בעשטימט ניט נאר פאר א בעוואוסטען טהייל פון פאלק, נור פיר דאס גאנצע יודישע פאלק, וואס רעדט און פערשטעהט יודיש.

דעריבער וועט „דאס יודישע ווארט" ניט בעגרענצען זיך, ווי די ביזהעריגע צייטשריפטען, נאר מיט אזוינע ארטיקלען, וואס האבען איין אינטערעס פיר ווייניג ענטוויקעלטע לעזער.

אין דאס יודישע ווארט

וועלען קומען אויך ארטיקלען מיט אזוינע פראבלעמען און פראגען, וואס אינטערעסירען און לאזען ניט רוהען דעם יודישע אינטעללינענט, אלס מענש, וועלכער זוכט ליידער אזעלכעס נאָר אין פרעמדע ליטעראטורען און ערוויינטערט זיך אויף אזא אופן פון זיין אייגענער ליטעראטור און פאלק.

זייענדיג פון דער מיינונג, אז יעדעס פאלק, ווי רייך עס זאל ניט זיין אין גייסטיגע קרעפטען, מוז בלייבען שטעהן אויף איין ארט אדער צוריקגעהן, ווען עס פערשליעסט זיך און לעבט אבגעזונדערט אין איהר אייגענער וועלט, וועט

דאס יודישע ווארט

זיך אינטערעסירען מיט יענע פראגרעסיווע שטרעמונגען און שטרעבונגען, וואס האבען ניט נאָר איין יודישען נאָר אויך אנ׳אללגעמיינעם חאראקטער. אין „דאס יודישע ווארט" וועט דער לעזער אימטער געפינען דאס לעצטע ווארט פון דער געבילדעטער און פארשריטליכער וועלט.

בעטראכטענדיג די יודישע פרוי, אלס גרויסע מאראלישע קראפט אין דעם מאדערנעם יודענטהום, וועט **„דאס יודישע ווארט"** פיעל פלאץ שענקען פיר ארטיקלען, וואס וועלען די יודישע פרוי בעלעהרען, בעפרייען און בעוואוסט מאכען. דרין וועלען נעמען אויך אייננטהייל פיעל בעגאבטע יודישע און אללגעמיינע שריפטשטעללער-פרויען.

דאס יודישע ווארט וועט זיין די נייע צייטשריפט, אויף וועלכער די וואהרע פריינד פון דער יודישער ליטע-ראטור האבען געווארט און געבעטען. מיר האפען, אז די דאזיגע פריינד וועלען פערשטעהן זייערע פפליכטען און וועלען זיי לויט מעגליכקייט ערפיללען.

די נאהענטסטע מיטארבייטער פון דאס יודישע ווארט זענען:

שלום אש, בעל־מחשבות, ה. ד. נאמבערג, א. קאראלניק.






פרייז פיר רוסלאנד:

יעהרליך	3.50	רוב.
האלביעהרליך	1.75	„
פיערטעליעהרליך	90	„
מאנאטליך	30	„
איינצעלנע נומער	8	קאפ.

פרייז פיר עסטרייך:

יעהרליך	8	קראָנען
האלביעהרליך	4	„
פיערטעליעהרליך	2	„
מאנאטליך	70	העלער
איינצעלנע נומער	20	„



אין די איבריגע לענדער לויט קורס.

הויפט אגענטור פיר גאנץ רוסלאנד:

Я. Лидскій. Книгоиздательство „ПРОГРЕСЪ" Варшава, Налевки 32

פיר גאנץ עסטרייך דייטשלאנד, ענגלאנד און אמעריקא:

Abraham Reisen, Red. und Admin. Das „Jüdische Wort" Krakau Alte-Weichselgasse 27.



